STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04013

ES IZ GORNISHT NIT GESHEN

Zisha Landau

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז י ש א ל א נ ד ו י

עס איז גאָרנישט ניט געשען, — קאָמעדיעס אין
פערזן פון זישא לאנדוי. צייכנונגען פון ב. קאָפּמאַן

צוויי אַלטע גוטע פריינט, וואָס די אומשטענדן האָבן געצוואונגען צו פאַרדינגען זיך אין די קאָמעדיעס, איינעם אלס פאַרפאַסער און דעם צווייטן אלס מאלער אחשורוש.

עס איז גארנישט
ניט געשען

קאמעדיעס אין פערזן
פון זישא לאנדוי

ניו יארק ניינצן זיבן און דרייסיק

פריוואטע אויסגאבע

אין 20 עקזעמפּלאַרן פון דער אויפלאַגע זיינען
צוגעגעבן געוואָרן צו פינף אָריגינאַל־ליטאָגראַ־
פיעס פון ב. קאָפּמאַן, נומערירט און אונטער־
געשריבן פון קינסטלער.

Copyright, 1937
By ZISHA LANDAU
Printed in U. S. A.

עס איז גאָרנישט ניט געשען

דער בלויער נאַכטיגאַל 9
אין דריי סצענעס
1922

דער רויטער נאַכטיגאַל 35
אין איין אַקט
1926

שיפּע זיבעלע 53
אין איין סצענע
1932

דזשימי פון סקאָטלאַנד יאַרד 77
אין דריי אַקטן
1936

דער בלויער
נאכטיגאל

קאַלאַמבינע טרייסט דעם סופלער, וועמעס ווייב
איז אַנטלאָפן מיט דעם רעזשיסער, א טאַטע פון
אן אַכטלינג.

ערשטע סצענע

פיערא

אָ, פיל געאַכטעט פובליקום,
געערטע דאַמען און הערן,
קוקט זיך אויף אונז צופיל ניט אום —
איר קענט אנטוישט נאָך ווערן!
אַן אומגליק האָט אונז היינט געטראָפן:
ס׳איז אונזער רעזשיסער
אַנטלאָפן
מיט דער פריינדין פון סופלער.
ס׳איז דער אָר׳מער מענטש דערשלאָגן,
קען קיין וואָרט ניט אונטערזאָגן.
קאָלאָמבינע אין איר גנאָד,
און מיין דערלויבעניש, פארשטייט זיך, האָט
דערלויבט אים ס׳פּנים אויף איר אַקסל אַנצולעהנען.

אַשטים

ס׳זאָל אים אָנגענעם זיין וויינען?

פיערא

און לייכט און מילד, ווי אין א טרוים,
מיט איר אונטערקליידלס זוים
ווישט זי אים די אויגן אויס.

טאַטיאַנאַ

פוי, אומאָנשטענדיק!

הער אין פענסנע

וואָס איז געזעסן מיט טאַטיאַנאַן אין לאָזשע און צו וועלכן זי האָט זיך געווענדט מיט דער באַמער-קונג.

באַנאַל

רעדן היינט נאָך פון מאָראַל,

דו מיין ציטערדיקע רויז.

ט אַ ט י אַ נ אַ

מיין הער, איך וויל איר זאָלט זיך ניט פאַרגעסן!

ה ע ר א י ן פ ע נ ס נ ע

האַ?

ט אַ ט י אַ נ אַ

איך בין אַמאָל מיט פושקינען געזעסן,
און אין דעם קריטישן מאָמענט
האָב איך פאַרבראָכן מיינע הענט
און זיך צעוויינט . . . פאַרשטייט, מיין פריינט,
ווי דעמאָלט מיט א הונדערט יאָר
זאָג איך דיר היינט,
און כ'זאָג עס אָפן דיר און פריי:
דו האָסט ניט וואָס צו האָפן!
אז ס'האָט דיך טאַניאַ ליב, יאָ, דאָס איז וואָר,
דאָך דיר וועט טאַניאַ קיינמאָל ניט געהערן!
איך בין א צווייטנס, און אים בלייבן טריי
וועל איך.

ה ע ר א י ן פ ע נ ס נ ע

וואָס?

ט אַ ט י אַ נ אַ

איך זאָג דאָך דיר,
אַז דיר וועט טאַניאַ קיינמאָל ניט געהערן!

ה ע ר א י ן פ ע נ ס נ ע

דו האָסט, זעט אויס, זיך גאָר פאַרגעסן,
אַז ביסט שוין מיינע אַכציק יאָר. איך טרייב
ניט איבער: האָסט לאַנג זיך מיר דערעסן.

ט אַ ט י אַ נ אַ

איך מיין נשמה, און ער רעדט גאָר פון לייב!

קערט זיך אָפּ עמפּערט. דער הער אין פּענסנע,
דערהערנדיק דאָס, לאָזט ארויס א שטילן זיפץ,
פאַרוואַרפט דעם קאָפּ, לאָזט ארויס די נשמה, פאַלט

אַראָפּ פון שטול. עס עפנט זיך אַן עפענונג אין דיל, וואו ער פאַרשווינדט. דער פאַל ציט צו די אויפמערקזאַמקייט פון די איבעריקע לאָזשן.

ש ר ה   ב ת   ט ו ב י ם

אַ דאַמע פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק. ברוינע אויגן, רויטע האָר, קורץ געשאָרן, א שוואַרץ חן-פינטל באַם לינקן זייט פון מויל.

ס׳איז נאָך אַ לעבן אויסגעגאַנגען,
און אַזאַ יונגס...

ב ע ל   ש ם   ט ו ב

אַ מאַן אין די פערציקער, טראָגט אַן אנצוג פון היימישן לייוונט מיט אַ אונטערשלאג פון פיינסטן בלויען זייד.

דו קלאָגסט שוין ווידער.
אויב ווילסט, איז ער אַהיים געגאַנגען,
און קוקן וועט ער פון דער הויך אַ נידער.

רעדנדיק אַזוי ווי צו זיך

איך האָב ליב די נידער.

ש ר ה   ב ת   ט ו ב י ם

און דאָך רעדסטו,
ווי דו וואָלסט ניט פון אונזער וועלט געוועזן.
דיין נאָענטקייט ברענגט אזויפיל רו,
מען ווערט פון יעדן צווייפל גלייך גענעזן.

ב ע ל   ש ם   ט ו ב

דו ביסט היינט טרויעריק...

ש ר ה   ב ת   ט ו ב י ם

ניין, ניט בלויז היינט,
בלויז היינט ביסטו צו מיר א ביסל אויפמערקזאַם.

האַקט אָפּ. עס ווערט שטיל. קאָלאָמבינע באַווייזט זיך. שטאַרקער אפלאָוז.

ק אָ ל אָ מ ב י נ ע

דאָס בלויע שיינט
אַדורך דער לופט ;
דער ווייטער ים
פאַר'חלש'ט רופט.

מייִן בלויער פריינט,
אָ, מייַן פיעראָ,
דייַן קאָלאָמבינע
שטייט איצט דאָ !

די ליפּן — אָראַנזש
צוגעפאַרבט.
די לאָקן אירע
צוגעקאַרבט.

אָ, בלויער פריינט,
אָ, מייַן פיעראָ,
ס'איז די לבנה
אויך שוין דאָ.

אָ, בלויער פריינט,
אָ, קום, אָ, קום !
קום־קום, קום־קום,
אום... אום... מום... מום...

ז ל י כ ה

אַ דאַמע פון איבער פערציק, די טיפע קנייטשן ארום מויל און די גראָבע פאַרטריקנטע אונטערשטע ליפּ ווערן אזוי ווי לעבעדיק. אירע ווערטער זיינען אי הייס, אי אָפּגעהאַקט, אי צעצויגן אין דער זעלבער צייט.

ווען זיך איר רוף צו אים דערטראָגן,
וועט ער זיך פון איר בלויקייט כאָטש דערוויסן ?
ווען ס'האָט נאָך אין מייַן ברוסט אַ האַרץ געשלאָגן,

האָט זיך פון אים אַמאָל אַזוינס אַרויסגעריסן.

מיט פאָרוואורף צו יוספֿן

דאָך דו האָסט ניט געענטפערט...

יוסף

אומגעדולדיק

האָט מיך געמאַכט די אַרט ווי דו האָסט אויסגעדריקט זיך.

זליכה

איז פאָרם דען וויכטיקער פון אינהאַלט? אַך, אַנטשולדיק,
ווען דו זאָלסט אָבער וויסן ווי איך האָב געשטיקט זיך...

יוסף הערט שוין ניט אירע לעצטע ווערטער. דאָס געזאַנג, וואָס דערנענטערט זיך, האַלט געשפּאַנט דאָס גאַנצע פּובליקום.

ארלעקין

כ׳האָב א רוף פאַרנומען,
און געזאָגט זיך: גיי!
בין דאָ אָנגעקומען,
זאָגט דאָס האַרץ מיר: שטיי!
ווי דער גאָלד׳נער שטערן
איבער יוספס הויז —

קאָלאָמבינעס שטימע

פון הינטער די קוליסן

בלוי נעמט אלעס ווערן,
איך קום שוין אַרויס.

אויפן באַלקאָן באַווייזט זיך קאָלאָמבינע. פאַכט מיט דער האַנט. ארלעקין קניט אַנידער אויף איין פוס. זינגט א סערענאַדע און באַגלייט זיך אליין אויף דער גיטאַרע. דער פאָרהאַנג פאַלט. שוואַכע אַפּלאָ-דיסמענטן.

צווייטע סצענע

טאַטיאַנאַ

איך איז דער ערשטער אַקט געפעלן?

קריטיקער

אַלס גאַנצעס — ניט. געוויסע שטעלן
פאַרמאָגן פון טאַלאַנט א שפור:
עס האָט אין זיך אביסל שיק,
נאָר זאָגן, אַז דאָס גאַנצע שטיק
איז אמתע ליטעראַטור
דערלויבט מיר ניט מיין קריטישער געוויסן.

טאַטיאַנאַ

איר מיינט צו זאָגן, אַז ס׳איז שונד.

קריטיקער

דאָס צו באַהויפּטן האָב איך ניט קיין גרונט,
כ׳מוז פריער ערשט דעם צווייטן אַקט געניסן.
אַ קריטיקער מוז וועגן זיינע רייד.

צובויגנדיק זיך צו איר

ווער איז דאָס מיידל, וואָס אין ווינקל שטייט
מיט אויגן קופּער־גרינע?

טאַטיאַנאַ

דאָס איז די יונגע קאָלאָמבינע.

קריטיקער

וואָס אָפּיציעל איר פאָטער איז פּיעראָ?

טאַטיאַנאַ

כאַ־כאַ־כאַ, פריינט מיינער, יאָ!

ק ר י ט י ק ע ר

דאָס מיידל קאָקעטירט גאַנץ פלייסיק!

ט אַ ט י אַ נ אַ

דאָס גייט זי אויף דער לער. פרוי קאָלאָמבינע
וויל, אַז איר טאָכטער וועלן זאָל אַ באַלערינע,
און ס'האָט נאָך פושקין מיר אין אַכצן דרייסיק
געזאָגט, אַז פיס פון באלערינען
באַוועגן זיך ניט בלויז אויף דילן,
קענסט אויף געוועקסטע מענער הערצער זיי געפינען.

אויפהויבנדיק דאָס קלייד איבער די קני

איך געפעלן מיינע פיס?

ק ר י ט י ק ע ר

דו פרעגסט נאָך, רייצנדיקע? גאַנץ געוויס!
און ווייס, עס וועט דאָס האַרץ זיך מיינס ניט שטילן
ביז דו וועסט מיר אין גאַנצן ניט געהערן.

ט אַ ט י אַ נ אַ

שטילער... שש... זיי קענען נאָך דערהערן!

ק ר י ט י ק ע ר

ווער זיינען זיי?

ט אַ ט י אַ נ אַ

גאַנץ אַמוזאַנטע לייט.
איך בין מיט זיי באַקאַנט ערשט פון אַ קורצער צייט,
קען זיי בלויז אויבערפלעכלעך.

דריקן ווארעם די האַנט פון א יונגער דאַמע, וואָס
איז ארייננעקומען אין זייער לאָזשע

אַך, געקומען
פונקט אין דער רעכטער צייט זייט איר.
וואָלט איר פילייכט אויף זיך די מי גענומען
דערציילן, וואָס איר ווייסט פון אָט דעם פאָר?
פון שפּאַנונג ברענט מיין קאַוואַליר,

ר׳איז נייגעריק פּונקט ווי אַ פרוי פון נײַנציק יאָר,
און איר קענט זיי דאָך לייגער שוין פון מיר.
איך האָף, איר האָט אויף מיר ניט קיין פּאַראיבל.

ד אַ מ ע

אָ, ניין, אָ, ניין. זיי? זיי זיינען איזראַעליטן.

ט אַ ט י אַ נ אַ

וואָס איז דאָס פאַר אַ שטאַם?

ד אַ מ ע

מיין ליבע, אין דער ביבל
ווערט פון אַ פאָלק גערעדט מיט זאַנדערבאַרע זיטן.
באַגנבעט האָבן זיי אַמאָל אַ לאַנד, ניט דורכגעלאָזט קיין הויז,
און מיט דער גנבה לאָזן זיי זיך אין דער וועלט אַרויס.
איר מיינט, זיי גייען שטיל? ניין, מיט געזאַנג!
און דאָס געזאַנג אַלס מוסטער איז ביז היינט פאַרבליבן.
די וויסנשאַפט באַשטעטיקט האָט שוין לאַנג:
דאָס איז דער אורשפּרונג פון גנבות און פון לידער.

ק ר י ט י ק ע ר

איר האָט זיך גאָר אין מיין געביט פאַרקליבן.

ד אַ מ ע

איך קער זיך אום צו זיי באַלד ווידער.

ק ר י ט י ק ע ר

זאָגט, וואָס טוט ער?

ט אַ ט י אַ נ אַ

איר ווייסט ניט? דאָס איז דאָך מוסיע באַלשעם.
אַן אַדלמאַן פון ריינסטן בלוט, אַ שררה און אַ זאַנדערלינג.
און אין דער גאַנצער געגנט דאָ איז ער באַקאַנט דורך דעם,
וואָס ער נעמט וועלט און לעבן גרינג.
זיין גוט פאַרוואַלטן אַכצן עקאָנאָמען,
און איינס אין איינס ווי ראַלניקס „ע ק אָ נ אָ ם ״.
און ער? האָט ליב צו קוקן ווי די וועלן שטראָמען.
ליגט גאַנצע נעכט אָפּ ביי דעם קליינעם שטראָם.
קוקט אויף די שטערן לאַנג, און וואָס די לייט

מיט זיין פאַרמעגן טוען, ליגט אים ניט אין זינען;
מיט הענט פארלייגטע אויף דעם נאַקן קענסטו אים געפינען
אין א פרימאָרגן אין די וועלדער ווייט.

ד אַ מ ע

אין אַט דער שעה דערפילן פרויען
אַזאַ מין איינזאַמקייט אין בעט;
און מיט אַ זיסקייט און פאַרטרויען
די צונג די ליפּן זיי׳רע גלעט.

די פיס זיך דריקן איינס צום צווייטן,
די בריסט זיך פורמען גאָטיש אויס;
די זעל ווערט פריי פון אַלע קייטן
און שוועבט אין פרייד צו אים ארויס.

און ניט נאָר פרויען, — שאָף און רינדער
דערפילן גלייך, אַז ע ר איז דאָ;
און זאַנפטער שמייכלען קליינע קינדער
אין דער פרימאָרגנדיקער שעה.

אַרום זיין קאָפּ נשמות קרייזן,
א מחנה פייגל צו אים ציט;
און, קייענדיק, די שעפלעך שפרייזן
אין זיינע זינגענדיקע טריט.

און ער שפּאַנט איבער וועגן, שטעגן,
און וואו ער קומט ווערט אַלץ באַזעלט. —
ער גייט דעם יונגן טאָג אַנטקעגן,
און מיט אים גייט די גאַנצע וועלט.

ק ר י ט י ק ע ר

און רעדט ער וואָס דערביי ארויס?

ד אַ מ ע

אם מערסטן ניט. פארחלומט קוקן
די אויגן זיינע ווייט פאַראויס,
אַמאָל בלויז נעמט אַן אַקסל צוקן.

ט אַ ט י אַ נ אַ

פאַר מיר האָט קיינמאָל נאָך ניט אַזוי לויטער
א מיטנוואָכנדיקער טאָג געגומען גרינגען.
צעפּירטער קראַכמאַל איז פאַר מיר דער טאָג באַגינען,
צעפּירטער קראַכמאַל עטוואָס צוגעבלויטער.

ד אַ מ ע

און איך האָב קיינמאָל ניט דערוואַרט
אזוינס פון אייך, מיין טאַניאַ, הערן.

ט אַ ט י אַ נ אַ

עס רייסט אַמאָל פון האַרץ אומגערן
אַ זיפץ, אַ טיפער, זיך ארויס.

ד אַ מ ע

אָ, ווי גענאַרט
איז יעדערער פון אונז. נעמט היינט ביי נאַכט,
די גאַנצע צייט פון ערשטן אַקט
האָט יעדערער ביי זיך אין האַרץ געטראַכט:
מיט לאַנגווייל און מיט פוסטקייט אָנגעפּאַקט
איז איטלעך וואָרט פון די אַקטיאָרן.
געוואַרט אַלץ אויפן סוף. דערפרישן
געוואָלט דאָס האַרץ זיך מיט אינטימע רייד.
און וואָס איז איצט? מיר זיצן און מיר פישן
באַנאַליטעטן איינס נאָך איינס.

ט אַ ט י אַ נ אַ

און אַלץ אַזוי אָן פרייד.

ד אַ מ ע

איך וואַרט מיט אומגעדולד, ס׳זאָל ווידער פינצטער ווערן,
איך וואַרט, דער פאָרהאַנג זאָל זיך הויבן פון דאָס ניי.
כ׳וויל ווידער קאָלאָמבינעס שטימע הערן.

ט אַ ט י אַ נ אַ

אין האַרצן מיינעם קלינגט זי סיי־ווי־סיי.

ק ר י ט י ק ע ר

און ווער איז זי, וואָס קוקט אזוי פאַרליבט אויף אים?

ד אַ מ ע

מיין גאָט! דאָס איז מאַרקיזין באַטאָווים.
אַ יונגע און באַגאַבטע ליטעראַטין.
זי שרייבט אין סטיל פון דעם געמיינעם פאָלק,
איז שטאַרק באַליבט, און קאָלאָסאַל איז איר דערפאָלג.
זי שרייבט ניט לאַנג. נאָך דעם ווי ס'האָט פאַרראַטן
איר מאַן איר ניינצן הונדערט מאָל אין זיבן יאָר,
און איז נאָך מיט אַ שאַנסאָנעטע אַלס פאַרבייס
אַנטלאָפן קיין מאַדריד, האָט זי זיך צו דער פען מיט פלייס
גענומען. שרייבט און האָט דערפאָלג ביז גאָר.

ט אַ ט י אַ נ אַ

אָ, אָרעמע מאַרקיזין, ס'וויינט מיין האַרץ און וויינט,
ווי דו שטריינגסט יעדן נערוו אָן אים געפעלן.
האָסט אָן זיין בליק דיין לעבן אָנגעלעהנט,
און אַלץ אין קאָן געשטעלט.

א ו י פ ג ע ר ע ג ט ע   ש ט י מ ע ן

פון פאַרשידענע ווינקלען פון טעאַטער

מען וועט ניט שטעלן
דעם צווייטן אַקט! ס'איז אַ סקאַנדאַל!
— די ווירקונג קען זיין גאַנץ פאַטאַל!
— דער מענטש האָט ניט קיין פונק מאָראַל!
— דער גאַנצער איינפאַל איז באַנאַל!
— סקאַנדאַל, סקאַנדאַל, סקאַנדאַל, סקאַנדאַל!
— מען וועט איצט לאַכן איבעראַל!
— ס'איז ניט געהערט נאָך אַזאַ פאַל!
— דעם חברה מאַן איז אלץ עגאַל!
— דאָס ווייסט ניט פון אַן אידעאַל!
— סקאַנדאַל, סקאַנדאַל, סקאַנדאַל, סקאַנדאַל!

ק ר י ט י ק ע ר

וואָס איז געשען?

י ו נ ג ע ר מ אַ ן

מאעסטראָ, אַ סקאַנדאַל!
סקאַנדאַל, סקאַנדאַל, סקאַנדאַל, סקאַנדאַל!
ס׳איז ניט געהערט נאָך אַזאַ פאַל!
מען וועט איצט לאַכן איבעראַל!
עגאַל, פאַטאַל, מאָראַל, באַנאַל,
אַל, מאַל, דאַל, לאַל, לאַלאַל.

עס הערט זיך אַ שטאַרקער דונער:
אַל-ל-ל-ל-ל-ל-ל-ל-ל.

ק ר י ט י ק ע ר

וואָס איז געשען?

י ו נ ג ע ר מ אַ ן

מאעסטראָ, ס׳האָט דער לומפּ,
עס האָט דער לומפּ פאַרפירט אונז אין א זומפּ!
די מעשה מיט דעם ווייב פון דעם סופלער,
וואָס האָט געקאָסט אייך גאַנצע זיבן טרערן,
איז בלויז געווען אַן איינפאַל און ניט מער!

ק ר י ט י ק ע ר

איך בעט עס קלאָרער מיר דערקלערן.

י ו נ ג ע ר מ אַ ן

אין אָנפאַנג פון דעם שפּיל האָט אונז דערקלערט פּיעראָ:
אַן אומגליק האָט מיט דעם סופלער פּאַסירט:
זיין ווייב געוואָרן איז פון רעזשיסער פאַרפירט.
דער אומגליק האָט אונז אַלע מיטגעריסן
און טרערן אָנגעזעצט אין אַלע אויגן, —
לאָזט אויס זיך, ס׳איז אַן איינפאַל פון פאַרפאַסער;
די ליבע פרוי זיצט זיך געמיטלעך דאָ,
דאָ טאַקע הינטער די קוליסן
און —

ק ר י ט י ק ע ר

וואָס?

י ו נ ג ע ר מ אַ ן

גיט דעם אַכטלינג אירן זויגן.

ק ר י ט י ק ע ר

וואַסער, וואַסער, וואַסער!
אויב דאָס איז אמת, איז עס ריינער קאַלאַמבור,
און דאָס האָט חוצפה נאָך צו ריידן פון ליטעראַטור!

י ו נ ג ע ר מ אַ ן

אַ, וויי, מאַעסטראָ, וויי איז מיר און ווינד,
דער לומפּ האָט אין פּאָיע דערקלערט אצינד,
ער נעמט אַליין רעצענזיעס שרייבן,
און ער וועט פריי אין זיי דערקלערן,
אַז זיינע גראַמען זיינען וואונדערלעך
און די פון זיינע פריינט. פאַרטרייבן
וועט ער אייך, זאָגט דער לומפּ.

ק ר י ט י ק ע ר

און איך
וועל לאָזן גלייך מיין שטימע הערן!
מען דאַרף באַווייזן און אַנאַליזירן,
ניט זאָגן מיינונגען!

י ו נ ג ע ר מ אַ ן

געוואַלט פאַרפירן
האָב איך דערפון מיט אים איצט אַ געשפּרעך,
האָט ער מיך אָפּגעהאַקט אין מיטן פּרעך:
דאָס טוט מען מיט אורין און ניט מיט לידער!

ד אַ מ ע

ווען וועט שוין פינצטער ווערן ווידער...

דער קריטיקער חלשט. עס ווערט פינצטער. אַלע איילן צו זייערע פּלעצער. שרה בת טובים, וואָס האָט די גאַנצע צייט געערדט צום בעל שם טוב, דריקט זיך מיטאַמאָל צו צו אים, רוקט זיך גלייך צוריק אויף איר פּלאַץ.

י ו ס ף

הער אויף, מכשפה, מיך צו קניפּן.

ז ל י כ ה

כ׳וויל דיינע ליפּן, ליפּן, ליפּן.

ד ר י ט ע ס צ ע נ ע

ק אָ ל אָ מ ב י נ ע

פון ערשטן אַקט אָן גיי איך אום צעטראָגן,
מיין זעל פאַרלאָרן האָט איר גלייכגעוויכט:
דער דיקער שיכט פון רוזש און פודער
פאַרדעקט די קנייטשן ניט פון מיין געזיכט.

איך האָב זיך מיט פּיעראָ אַצינד באַראָטן,
געפרעגט צי העלפן קען דערצו מאַסאַזש.
— ס׳איז אָ מיראַזש די הילף פון מענטשן, — זאָגט ער, —
און אָפטמאָל איז עס ריינער קאַמאָפלאַזש.

אַ ר ל ע ק י ן

בלויז אין דעם ליד פון דיכטער, קאָלאָמבינע בלויע,
גרינגפיסיק ווערסטו ווידער ווי אָן אינד!
בלויז אין דעם ליד פון דיכטער, קאָלאָמבינע בלויע,
דער מינדסטער קנייטש פון דיין געזיכט פאַרשווינדט!

אָ, דיכטער, וועלט־רעגירער און באַצווינגער,
פאַראינגט מיין פריינדין, לינדערט איר געמיט!
מיין פריינדינס פּנים ווערט באַדעקט מיט קנייטשן,
און קיינער העלפן קען איר ניט!

ק אָ ל אָ מ ב י נ ע

אָ, ארלעקין, מיין ליבער,
נעם צו מיין טיפסטן דאַנק!
עס שטראָמט דאָס האַרץ אַריבער
דיין וואונדערלעך געזאַנג.

עס קענען ווערטער דינע
דעם האַרצן ברענגען רו ;
דיין בלויע קאָלאָמבינע
בעט פונקט אַזוי ווי דו.

ניט בלויז פאַר זיך — פאַר אַלע
אַ תפילה איז מיין ליד !
ס׳איז יעדע פרוי א כלה —
דו ווייסט עס, ווייסט עס ניט ?

ביז ס׳ווערט דאָס האַרץ פאַרשלאָסן
איז יעדע פרוי נאָך גרייט — — — —
עס איז איר לעצטער חתן,
זאָגט האָפמאַנסטאַל, דער טויט.

גראָבט ניט אין טיפסטע טיפן,
איז לייכט בלויז און איז בלוי,
און זע, ווי פיין באַגריפן
דער ווינער האָט די פרוי.

א ר ל ע ק י ן

אָ, בלויע קאָלאָמבינע,
איך בין פארליבט אין דיר !
ביסטו, כאָטש, קאָלאָמבינע,
ניט גלייכגילטיק צו מיר ?

ק אָ ל אָ מ ב י נ ע

דו שפּאַסט פון מיר בלויז, ארלעקין,
ווייסט וואויל, איך האָב דיך ליב.

א ר ל ע ק י ן

עס טרוימט אַמאָל בלויז ארלעקין,
אז ס׳האָט אים עמיץ ליב.

ק אָ ל אָ מ ב י נ ע

דו ווייסט עס אָבער אויף געוויס,
זאָג, אפשר ניין ?
עס זיינען ווי רכילות זיס,
ווי שטערן שיין
די אויגן דיינע, דיינע הענט,
און דיינע רייד ;
דיין בליק, ווען נאָר צו מיר געווענדט,
פלאַטערט ווי מיין קלייד.

אַ ר ל ע ק י ן

ניט אמת, קאָלאָמבינע,
עס איז דאָך ניט אזוי !

ק אָ ל אָ מ ב י נ ע

ס׳איז יאָ, זאָגט קאָלאָמבינע,
ס׳איז יאָ, ס׳איז יאָ אַזוי.

אַ ר ל ע ק י ן

און איצט, אָ, הערן מיינע, שטוינט,
און שטוינט אויך, מיינע דאַמען :
אין אונזערע רעקלאַמען
שטייט : „איר וועט זיין באַלוינט !"
איר האָט געמיינט געוויס, אַז ס׳איז
ניט מערער ווי א פוסטער קלאַנג.
אָ, ניין, מיר האָבן דאָ פאַר אייך איצט אַ סורפריז,
וואָס איר געדענקען וועט אים לאַנג.
דער פלאַן געוועזן איז, ווען איך זאָג
אם ענדע פון מיין דיאַלאָג :
„ניט אמת, קאָלאָמבינע,
עס איז דאָך ניט אזוי",
און ס׳ענטפערט קאָלאָמבינע :
„ס׳איז יאָ, ס׳איז יאָ אַזוי",
צעשפרייטן דאַרף איך מיינע אָרעמס ברייט
און קאָלאָמבינען אין זיי פעסט פאַרשליסן,
און ס׳עפנט זיך די טיר, און אויף דער שוועל, ווער, מיינט איר, שטייט ?

קיין אַנדערער ניט ווי פּיעראָ. וואָס וויל ער? שיסן.
האָלט דרייצן הונדערט ביקסן אין איין האַנט,
און אין דער צווייטער — זיבן טויזנט רעוואָלווערן.
די פינגער זיינע ציטערן ווי שטערן,
ער שמייכלט ווימיטלעך־פּיקאַנט.
און אונז ווערט, ווי מיר וואָלטן לעקן גאַל,
און אונזער בליק ווערט שטאַר ווי שטייאיק וואַסער.
פּיעראָ, דער טרויריק־בלאַסער, ווערט נאָך בלאַסער,
ער שיסט זיך און גיט אויף דער ערד אַ פאַל.

קאָלאָמבינע

איך האָב געדאַרפט א שליידער טאָן זיך לעבן אים,
מיט הענט ווי פון דעם ווינט געטראָגן,
און מיט א זיסלעך־טרויעריקער שטים,
זיך אויפן קול פאַנאַנדערקלאָגן:
„אז ווי איז מיר און וינד,
פּיעראָ איז טויט אצינד״.

אַרלעקין

און נאָך אַזוינע רירנדיקע רייד,
אַז ווען דו הערסט זיי, בענקסטו נאָכן טויט,
האָט איר געדאַרפט פון קאָלאָמבינעס מויל דערהערן, —
נאָר שרעקט זיך ניט, עס איז שוין אַלץ פאַרריכט,
פּיעראָ וועט ניט דערשיינען אומגעריכט
און קיינער וועט שוין ניט דערשאָסן ווערן!
מיר האָבן אָפּגעמאַכט אַזוי, אַז ווען
ס׳וועט קאָלאָמבינע אין די אָרעמס מיינע ווייען,
זאָל פינצטערער נאָך ווערן אין טעאַטער.

קאָלאָמבינע

אָ, ארלעקין, איך פלאַטער, פלאַטער, פלאַטער!
ביסט קיינמאָל נאָך ניט רייצנדיק אזוי געווען...
לאָז מיך שוין אויף דיין האַלז זיך דרייען.

אַרלעקין

וואַרט צו א ווייל. און ווען ס׳וועט פינצטער ווערן
און איך וועל נעמען קושן קאָלאָמבינען,

די ליפּן איי׳רע, דופּטיקע הערץ,
דער פריינדינס שולטער זאָלן גלייך געפינען.

ז ל י כ ה

איצט וועט שוין גאָרניט העלפן סיי־ווי־סיי,
ווערסט מוזן קושן מיך.

י ו ס ף

מיין טייבעלע, ס׳איז גראַמען

און גאָרניט מער.

ז ל י כ ה

אָ, מיאוסע לומפּעריי!

דער מענטש האָט אָנגעזעצט זיך ס׳לעבן מיר פאַרסאַמען!

אַ ר ל ע ק י ן

און שפּעטער ערשט, ווען אַלץ וועט זיין פאַראיבער,
און בליק און אָטעם וועלן ווערן לוילעך, טעמפּער, טריבער,
פאַנאַנדערפאַלן וועט די טיר פּיעראָ,
און א געשריי טאָן: א י ך ב י ן ד אָ!
און מאָלן וועט ער נעמען פון באפלעקטער ערע,
פון מיאוסן פאַרראַט, פון טויט און נאָך אזוינע שווערע
אומהיימלעכע באַגריפן, אַז דאָס פּובליקום
וועט האַלטן זיך פון לאַכן ביי די זייטן,
און אין דעם „ב ל ו י ע ן נ אַ כ ט י ג אַ ל״ אַזוי אַרום
וועט זיין אַן עלעמענט אויך פון קאָמיזם.

ק אַ ל אַ מ ב י נ ע

ווי אין די שפּילן פון די גוטע אַלטע צייטן.

אַ ר ל ע ק י ן

און ווען אין אונזער ערנסט שפּיל דער עלעמענט
פון לייכטן שאַרזש וועט זיין ארייגעפירט,
וועט אָן אַן עכאָ אויסגיין אונזער קאָנקורענט,
וואָס פּלוצים איינגעפאַלן איז אים.
צו עפענען א שפּיל־פּלאַץ קעגנאיבער.

ק אָ ל אָ מ ב י נ ע

מיין אָטעם — פרירט,
מיין ביינקשאַפט גייט אומזיסט פאַראיבער.
אָ, עפן גיכער דיינע אָרעמס, ליבער!

אַ ר ל ע ק י ן

די אָרעמס מיינע זיינען שטענדיק גרייט פאַר דיר.

ק אָ ל אָ מ ב י נ ע

די אָרעמס דיינע זיינען שטענדיק גרייט פאַר מיר?

הויבט זיך אָן דרייען איבערן צימער און זינגט

שוואַרץ איז פאַש און רויט איז לענין,
ראָז קערענסקי, ווילסאָן — גרוי!
זאָל דאָס גוטע יאָר זיי קענען —
איך האָב ליב נאָר בלוי!

הינדענבורג, בריאָן, פעטליורא,
ס׳אַרא לאַנגווייל ווייט פון זיי!
רייצנדיק איז בלויז לאורא,
בעאַטריטשע, דולציניי!

אַרלעקין, אָ, ליבע דאַמען,
איז מיר ליבער נאָך פון ליב!
זע איך אים, נעמט ס׳האַרץ מיינ׳ס פלאַמען
און מיין צונג גייט דורך מיין ליפּ.

אָפּט קומט אויס די ליפּ באַנעצן:
שטענדיק שטייט ער פאַר מיין בליק!
זיינע ווערטער זיינען נעצן
און זיין אָרעם איז מיין וויג.

פאַלט אין זיינע אָרעמס. קושן זיך און קושן זיך ווידער, און האַלטן זיך אין איין ארומנעמען.

ט אַ ט י אַ נ אַ

איר זייט באַקאַנט מיט דעם פאַרפאַסער פון דעם שטיק?

י ו נ ג ע ר מ אַ ן

איך האָב געהאַט די ערע און דאָס גליק
די לעצטע וואָך מיט אים באַקאַנט צו ווערן.

ט א ט י אַ נ אַ

וויל טאַקע הערן: איז ער אינטערעסאַנט?

י ו נ ג ע ר מ אַ ן

פּונקט ווי א טראַגעדיסטין פון א פּראָווינציעלער טרופּע,
וואָס שנירט די אייגלעך איין און שטעקט אויס וויט דעם האַלז,
אַזוי גייט ער אַרום אין שיידוועג פון די דורות
און ציט די נאָז אויף אַלעם און אויף אַלץ.
האַלב קלאָון און האַלב פּאָעט און אינגאַנצן
עסטעט פאַר עקסעלאַנץ.
די נאָז־פליגל זיינע ציטערן,
די אויגן זיינע גלאַנצן אויף,
ווען ער דערשפּירט וואו ווערטער, וועלכע רייצן
מיט וואָוילגערוך און דינעם דופט.
ווייל איין געזעץ גילט אים אין לעבן: רייצן!
און אַלץ פאַרוואַנדלט ווערט ביי אים אין דופט.

קאַלאָמבינע און ארלעקין קושן זיך נאָך שטאַרקער

אַ ר ל ע ק י ן

יאָ, יאָ, מיין קאַלאָמבינע,
איצט זע איך, ס׳איז אַזוי.

ק אָ ל אָ מ ב י נ ע

האָט דיר ניט קאַלאָמבינע
געזאָגט, אז ס׳איז אזוי?

קוקן זיך אין די אויגן און צוקושן זיך פון דאָס נײ

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

וואָס האָט געהאַלטן די גאַנצע צייט אין פאַרלעזן עפּעס בעל שם טובן אויפן אויער

דיר געפעלט עס?

ב ע ל ש ם ט ו ב

וואָס?

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

וואָס מיינסטו „וואָס״?
דאָס, וואָס כ׳האָב דיר דאָ פאַרגעליינט!

בעל שם טוב

אָ, דאָס

איז גאָרניט שלעכט.

שרה בת טובים

בעל שם, בעל שם,

ווי דיין גלייכגילטיקייט באליידיקט, אז כאָטש נעם

און הויב זיך אויף און לאָז דיך איבער.

די שווערסטע איינזאַמקייט וועט זיין מיר ליבער,

ווי דיין גלייכגילטיקייט צו מיינע ווערק.

ארלעקין און קאָלאָמבינע הערן זיך אויף קושן, צעגייען זיך אין פאַרשידענע ווינקלען פון צימער. קוקן אויף דער טיר. הוסטן אונטער פון אומגעדולד.

פּיערא

כ׳בין דאָ!

און ס׳האָט געשלאָגן איצט שוין אייער שעה!

ווייל לייקענען וועט איר שוין מער ניט קענען!

איך האָב געכאַפּט אייך אויפן פּלאַץ!

אָ, שטאַרקער נעם, נקמה, ברענען,

און דו דערוויל, אָ, האַרץ מיינס, פּלאַץ!

אָ, קושן זיך און האַלזן זיך פאַר מיינע אויגן!

קאָלאָמבינע און ארלעקין ציען מיט די אַקסל, מאַכן מיט די הענט ווי זיי וואָלטן זאָגן, איר זעט דאָך, אַז מיר קושן זיך ניט, שטייען אויף פאַרשידענע פּלעצער. דאָס פּובליקום שמיקט זיך פון געלעכטער.

אָ, אומפאַרשעמטקייט, האָסט גאָר ניט קיין ברעג!

אַז ליבערשט וואָלט איך איצט די ערד געזויגן,

ווי שטעלן ארבעטן זיך דאָ פאר א פּיעראָ!

זיין קול ציטערט. דער סופלער וויל אים איבערשרייען, אָבער ער רעדט ווייטער, איבערשרייענדיק דעם סופלער.

אלס עפּעס מער האָב איך געזען זיך אין די אַלטע טעג

ווי בלויז א גראַם צו שעה, ניטאָ און דאָ!

געוואַלט שוין לאַנג אַן ענדע מאַכן, נאָר ס׳איז נויטיק
אביסל מוט דערצו: איך האָב עס ניט באַזעסן!

ער וואַרפט אַוועק אַלע זיינע ביקסן און רעוואָל־ווערן, כאַפּט אַרויס א רעוואָלווער פון קעשענע, דערשיסט זיך. דאָס פּובליקום בלייבט פאַרגאַפט פאַר אַ וויילע, הויבט אָבער גלייך אָן פּאַטשן בראַוואָ, דער פאָרהאַנג פאַלט פּאַמעלעך. אין דער צייט, וואָס דער פאָרהאַנג פאַלט הויבט אַרלעקין אויף אַ האַנט און פאַרנייגט זיך פאַרן פּובליקום, עס ווערט צו־ביסלעך שטיל.

אַרלעקין

גערערטעס פּובליקום, איך בעט אייך ניט פאַרגעסן
אַז דער פּראָגראַם ווערט דאָ געביטן יעדן פרייטיק!

מען פּאַטשט שטאַרק בראַוואָ. דער פאָרהאַנג הויבט זיך אָנצייליקע מאָל אויף. עס הערן זיך רופן: פּאַרפּאַסער! עס באַווייזט זיך דער פּאַרפּאַסער, בייגט זיך און נייגט זיך. דאָס פּובליקום פּאַטשט ווייטער, דער פּאַרפּאַסער הויבט אויף די האַנט. עס ווערט שטיל.

פּאַרפּאַסער

די האַרבע אויגן ווערן טויאיק,
עס נעמען זונען ליפּ נאָך ליפּ;
קושט אויגן טויאיקע און ליפּן,
אויב אייך איז נאָר דאָס לעבן ליב!

עס פרילינגען די צאַרטע שולטער,
בויגט לייכט די קעפּ אַראָפּ צו זיי, —
פון אויגן, ליפּן און פון שולטער
טראָגט זיך א ריח ווי פון היי.

עס קוקן אָן דיך ראָזע בעגל
אזוי נאַכלעסיק און פערווערז;

אָ, ווייסע שולטער, ראָזע נעגל,
אָ, דו מיין דופטנדיקער פערז!

אָ, אויגן טויאיקע! אָ, ליפּן,
וואָס רייצן ווי אַ רייפע וואונד!
פאַרהאַקטער אָטעם, הייסע ווערטער
און ווייסע נאַכט — אין הינטערגרונט.

דער פּאַרפּאַסער פאַרנייגט זיך און גייט אַרויס. שטאַרקער אפּלאָדיז. קערט זיך אום עלף מאָל. ווען ער באַווייזט זיך צום צוועלפטן מאָל, בויגט ער זיך כמעט ביז צו דער ערד. דאָס פּובליקום האַלט אין איין פּאַטשן בראַוואָ, פּאָדערט א נייע רעדע. מיט אַ צייכן פון דער האַנט גיט ער צו וויסן, אַז ער וועט דערפילן דעם פאַרלאַנג פון פּובליקום.

פּאַרפּאַסער

א גרוס צו אייך פון נאָענט און ווייט,
אַ גרוס פון דולציניייען;
דעם האַרנס גנאָד און הערליכקייט
גייט ווידער אונז דערפרייען.

באַלד וועלן ווידער ווי אמאָל
די נאַכטיגאַלן זינגען,
און דעם צעבליטן באַרג און טאָל
וועט אַ געזאַנג פאַרקלינגען.

עס קלינגען וויך, ווי שניי, ווי פּוך
צוריק די אַלטע לידער;
און צו דעם רייך פון וואוילגערוך
מיר קערן אום זיך ווידער.

אָ, רייך, וואו רייצנדיקער דופט
געפאַנגען האַלט דאָס לעבן;

און לייכט אַזוי ווי דורך דער לופט,
אַרום אונז פּיסלעך שוועבן.

און מעג די שנאה זיין ווי שוואַרץ,
דער קאַמף — ניט דורכצוהיפּן, —
פֿאָראויס! גאָטס נאָמען אין דעם האַרץ
דער דאַמעס אויף די ליפּן.

אַ ל ע

דער דאַמעס אויף די ליפּן.
דער דאַמעס אויף די ליפּן.

דער רויטער
נאכטיגאל

מִיט זיין קאַלטן אַנאַליטישן בליק קוקט דער גראַף אויף די באַוועגונגען פֿון זיין באלערינע און האָט שטאַרק הנאה.

באַלערינע

שפּיץ בוידעם
אָן דער ערד,
אַלע שטיבעלעך
אויסגעקערט,
אַלע בעטעלעך
צוגעבעט,
אַלע מיידעלעך
צוגעגלעט.

גראַף

זינג, טאָכטער מיינע, נאָכאַמאָל דעם סטאַנץ,
אויף מיין נשמה פאַלט ער ווי די ווערטער פון אַן אַלטן בריוו.
און אין אַ צושטאַנד, וואָס איז ענלעך צו אַ טראַנס
ווער איך פאַרוויגט, ווען איך הער דעם מאָטיוו.
נאָר איינס וועל איך דיך בעטן, באַלערינע, אויב עס איז
ניט מינדער פון דיין שטאָלצער ווירדע, און עס וועט
ניט זיין קיין אומכבוד פאַר דיר, זאָלסטו ביים טאַנץ די פיס
ניט הויבן העכער פון דער טאַליע.

באַלערינע

וואָס איר בעט,
איז אומבאַגרייפלעכער נאָך פון דעם גאַנג פון שטערן,
אויף וועלכע איך קוק אָפט מיר מיינע אויגן אויס.
דאָך וועט די קליינע באַלערינע גערן
פון היינט אָן טאַנצן בלויז נאָך דעם פאַרלאַנג
און וואונש אייערן.

גראַף

נעם, באַלערינע, צו מיין דאַנק.
דיין האַרץ דאָס איז אַ שייער גרויס און ברייט,
וואָס אָנגעפילט איז ער מיט אונטערטעניקייט.

נאָר איינס וויל איך דיר זאָגן: ווייס, ניט אַ קאַפּריז
איז מיין פאַרלאַנג: פאַררייס צו הויך ניט דיינע פיס.
עס האָט אַ טיפן מיין און אָט איז דער באַשייד:
איך בין פאַרנומען לעצטנס מיט אַ ווערק,
וואָס נעמט מיין יעדן טראָפּן כח צו,
און ווען אַ מענטש האָט ס׳האַרץ זיינס אויף די העכסטע בערג,
וויל ער זיין אויג זאָל וואוינען אין דעם טאָל פון רו.
דערפאַר בעט איך דיך, באַלערינע, טאַנץ ניט, נאָר פאַרטאַנץ
מיין יעדן אויפגערעגטן בליק און נאַקעטן באַגער,
אום ס׳זאָל מיין ווערק מיך האָבן גאָר און גאַנץ.
דו הערסט מיך, באַלערינע?

באַלערינע
יאָ, איך הער.

גראַף
און וואָס זאָגסטו?

באַלערינע
איך זאָג, איך הער.

גראַף
און וואָס טוסטו?

באַלערינע
איך טו, וואָס כ׳הער.

גראַף
נאָר מיינסטו ניט, עס וואָלט געווען ניט מער ווי רעכט
צו טאַנצן היינט, צום לעצטן מאָל, ווי דו האָסט קיינמאָל ניט געטאַנצט?

באַלערינע
אויך באַלערינע מיינט, אַז ס׳איז ניט מער ווי רעכט
צו טאַנצן ווילדער היינט, ווי זי האָט ווען געטאַנצט.

קאַרב איין רייפן דינע
אין דער לופט, מיין פוס!
פונקען קופער גרינע,
ווי אַ פייער־גוס,

זאָלן זיך צעשלאָגן
אָן די הערצערס אייז.
איך מיט דיר זיך טראָגן
זאָל אין פייער קרייז.

ג ר אַ ף

דיין טאָן האָט איצט גענומען קלינגען העלער,
און ווי אַ בליץ איז איטלעך וואָרט דיינס קלאָר.
טראָג, באַלערינע קליינע, זיך נאָך שנעלער,
און ווי די פיס, צעוואָרף אויך דיינע האָר.

ב אַ ל ע ר י נ ע

וואָגלענדיקע שבטים —
מיינע האָר און הענט.
אָפּגעהאַקט דער אָטעם —
כ׳ווער אויף קויל פאַרברענט.

ג ר אַ ף

באַלערינע, באַלערינע, ווער אַנטשוויגן!
ווי שטורקאַצן דיינע אויגן ברענען.
אין די אויגן דיינע זע איך מילן ליגן.
וואָס איז דאָ געשען?

ב אַ ל ע ר י נ ע

מייסטער! מייסטער!
כ׳בין אומגליקלעך! הייסט מיך, אומגליקלעכע, קעפּן!
האָט רחמנות אויף מיר, הייסט מיך גלייך פאַרברענען!
מיינע פּלייצעס קענען מער שוין ניט די שאַנדע שלעפּן!
אויב כ׳בין ווען צום טאַנץ געגאַנגען פריילעך, פריילעכער און דרייסטער
וועל איך צו מיין טויט גיין!

ג ר אַ ף

טאָכטער, באַלערינע!
ס׳שרעקט זיך ס׳האַרץ מיינס, נאָר כ׳וואָלט וועלן וויסן,
איז דאָס אפשר בלויז טעאַטער?

ב אַ ל ע ר י נ ע

לײדער, לײדער, ניט קיין בינע
בין איך איצט באַטראָטן, מייסטער! אויף די ברעטער

פון מיין שאַנדע צאַפּל איך זיך און עס ווערט מיין האַרץ צעריסן!
האָט רחמנות! הייסט מיך קעפּן! לייגט ניט אָפּ אויף שפּעטער,
ס׳קען נאָך זיין צו שפּעט!

ג ר אַ ף
אָ, ווי דיין פאַרצווייפלונג און דיין פּיין איז גרויס,
אַז האָסט געקאָנט דיין קלאָרן זין פאַרלירן.
אַ שקלאַפין, ווייסטו דאָך, פאַרשמייסט מען בלויז,
און דו ווילסט גאָר מען זאָל צום עשאַפאָט דיך פירן,
ווי דו וואָלסט זיין געאַדלט. יאָ, און כאָטש דו האָסט פאַרדינט
אַז פאַר דיין חוצפה זאָל איך הייסן שמיץ דיר געבן,
דאָך שווער איך דיר, ווי אין מיין האַרץ דאָס בלוט פון פאָטער
מיינעם רינט,
אַז אויפן עשאַפאָט פאַרענדיקסטו דיין לעבן,
אויב כ׳וועל דיר נאָר באַווילקן דעם טויט.
נאָר וואָס איך האָב דעם מאַנטל פון מיין גנאָד אַזוי אויף דיר פאַרשפּרייט,
דאָס ווייס איך ניט אַליין.

ב אַ ל ע ר י נ ע
מיין מייסטער און מיין האַר,
אַלץ, וואָס איך זוך איז בלויז די אָרעמס פון דעם טויט!
אַ שענדלעכן? אַ ווירדיקן? — ווי איר וועט מיר באַשערן!
נאָר גיכער, האַר!

ג ר אַ ף
איך שווער דיר, באַלערינע, אַז דיין צער
וועט אָן אַן עכאָ ניט פאַרקלונגען ווערן.

ב אַ ל ע ר י נ ע
אין מיטן פון דעם טאַנץ, האָב איך אַ קוק געטאָן אויף אייך,
און ס׳האָט אין האַרץ ביי מיר אַ לויכט געטאָן אַ ליכט:
ווי ס׳רייניקט זיך דאָס לייב אין לויפנדיקן טייך,
אַזוי ווערסטו, מיין האַרץ, אין לויב פון זיין געזיכט,
פאַרגעסן אַלץ, וואָס האָט דיך צו דער ערד געשמידט.
אוי, האָט רחמנות אויף מיר, האַר! איך ווער דערשטיקט!
דערהרגעט מיך! אָ, פליגלען ווייסע פון געמיט,
דעם לעצטן פעדער אייערן האָט ס׳לעבן אויסגעפליקט.

און נאַקעט שטיי איך און איך ברעך דעם קאָפּ
אָן דער פאַרמאַכטער טיר, וואָס הינטער איר איז שוין
ניטאָ קיין וועג צוריק.

ג ר אַ ף
דיין צונג איז לענגער פון דיין צאָפּ,
און מאָלסט אַזוי מיט אים, אַז כ׳קען דיך ניט פאַרשטיין!
עס וואָלט זיין וואויל, ווען זאָלסט באַוועגן איצט דיין צונג
צום טאַקט פון מיינע טעג: און איך בין שוין ניט יונג.

ב אַ ל ע ר י נ ע
איך האָב געזאָגט: ווען כ׳האָב אַ קוק געטאָן אויף אייך
האָט מיר אין האַרץ, האָב איך געזאָגט, אַ שלאָג געטאָן אַ ליכט.
איך האָב געזאָגט, ווי ס׳לייב אין לויפנדיקן טייך
ווערט ס׳האַרץ מיינס ריין אין אייער אָנגעזיכט.
האָט איר דען ניט פון ערשטן טאָג
וואָס איך קען זיך געדענקען דאָ אין הויף,
געהאַלטן איבער מיר מיט גנאָד די וואָג
פון אייער צערטלעכקייט און אייער וואוילגעפיל?

ג ר אַ ף
אמת, באַלערינע.

ב אַ ל ע ר י נ ע
יאָ.

ג ר אַ ף
שלאָג אַביסל אויף
דעם קישן פון מיין זייט, אַז ס׳זאָל מיר ווייכער זיין,
און רעד אַזוי, אַז וויסן זאָל איך וואָס מיין באַלערינע וויל.

ב אַ ל ע ר י נ ע
אין מיינע יונגע גלידער, ווי דער פיינסטער וויין
אַריינגעדרונגען און באַרוישט האָט אייער בליק,
און ס׳איז ביז איצט אין אייער הויף אַ ווייסע לויטערקייט
געווען מיין הימל־בעט.

ג ר אַ ף
איך האָב געמיינט, אַז שמייכלענדיק
הויבט אויף דער טאָג די ברעמען זיינע נאָך פאַר דיר.

ב אַ ל ע ר י נ ע

אָ, האַר, אַז ווי איז מיר, אַז ווי און ווינד איז מיר,
דערמאָנט זיך נאָר. —

ג ר אַ ף

אין וואָס?

ב אַ ל ע ר י נ ע

אין אייער גוטסקייט. איר
האָט מיר, אַ שקלאַפין אייערער, דערלויבט אין אייער בעט
די אומשולד צו פאַרלירן. אמת?

ג ר אַ ף

אמת, קינד.

ב אַ ל ע ר י נ ע

און ניט נאָר דאָס, כ׳געדענק נאָך קלאָר אַצינד,
וואָס ס׳האָט דערנאָך פּאַסירט: עס איז געווען שוין שפּעט
אין הערבסט. די וועלקייט, וואָס ליגט אין דעם רויטן בלאַט
באַפאַלן איז די אָרעמס אייערע; איר זייט געוואָרן מיט מיר זאַט.
דאָך האָט איר ניט פאַרשטויסן מיך צום טויט,
אין קעגנטייל, איר זייט נאָך צערטלעכער געוואָרן.
אום פינקטלעכער צו זיין: די וועלקייט האָט געבאָרן
אַ קרענקלעך זיסע צוגעבונדנקייט.
ניט עקל, ניין, נאָר איבערזעטיקייט,
וואָס גרענעצט ערגעץ זיך מיט עקל פאָרט,
איז אין דער איבערזעטיקייט געלעגן.
ווי קלאָר געדיינק איך עס. ס׳איז אייער איטלעך וואָרט
מיט פרישקייט, ווי אַמאָל, געקומען מיר אַנטקעגן.
נאָר איבערזעטיקט, מיד, געוואָרן זיינען אייערע גלידער
ווען צוגערוקט האָב איך זיך שטיל צו זיי:
ניט איך, נאָר בלויז מיין לייב געוואָרן איז אייך מיטאַמאָל דערווידער,
און דאָס באַליידיקט ניט און טוט ניט וויי.
ווייל קיינער קען זיין קערפּער ניט באַפעלן
וואוהין ער זאָל זיך רייסן און צו וואָס.
ניט אמת, האָר?

ג ר אַ ף

איך ווייס אַליין ניט, אָבער דאָס
קלינגט פון דיין מויל אַזוי, אַז ס'הויבט מיר אָן געפעלן.
דו מיינסט צו זאָגן, ווען עס האָבן מיינע אויגן,
ליגנדיק אויף דיינע היפטן, אויפגעהערט צו יערן,
און טראַכטנדיק פון דיר, איז ניט פאַרפלייצט געוואָרן
מיין צונג אין וואַסער פונם מויל — אַנטקעגן דיר געפלויגן
איז ס'וואָרט מיינס, ווי די פאַווע מיט צעשפּרייטע פליגל?
יאָ, באַלערינע?

ב אַ ל ע ר י נ ע

יאָ, און ווי אין שפּיגל
זע איך פאַר מיר איצט יענעם אויפדערנאַכט,
ווען איר זייט אויפן פערד פאַרבייגעריטן
און אָפּגעשטעלט זיך לעבן מיר. א ווייל האָט איר געטראַכט,
דערנאָך גענומען ריידן.
און אייער וואָרט האָט זיך אריינגעשניטן
אין האַרצן מיר, ווי קלאַנגען פון אַ האַרף.

ג ר אַ ף

דו מאַכסט דאָס האַרץ מיר הונגעריק און דעם געהער מיר שאַרף,
נאָר איידער דו רעדסט ווייטער, וואָלט איך וועלן וויסן
ווי אַלט ביזטו? מיר פלאָנטערט זיך דער זינען.

ב אַ ל ע ר י נ ע

אָ, גראַף, איך וואָלט אַליין עס וועלן וויסן,
נאָר כ'ווייס ניט וואו איך זאָל עס אויסגעפינען.

זי צעוויינט זיך אויפן קול.

די צאָל פון מיינע יאָרן
איז פון א דריי און צוויי,
נאָר כ'ווייס ניט זייער אָרדנונג,
און ווי צעשטעלן זיי.

כ'שטעל אָפּט די צוויי אַפריער,
און אָפּט די דריי פאָרויס.
און פון דעם גאַנצן שטעלן
קומט גאָרנישט ניט ארויס.

וואו ביסטו, מאַמע מיינע,
אָ, מוטער, וואו ביסטו ?
כ׳וועל וועקן דיך פון קבר,
כ׳וועל שטערן דיר דיין רו.

אָ, זאָג, וואָס קומט אַפריער,
די צוויי קומט, צי די דריי ? —
איך הער צוויי פליגל רוישן
און שוועבן לייכט פאַרביי.

דאָס הארץ מיינס ציטערט, ציטערט,
עס פלאַטערט ווי אַ בלאַט :
וואו ביסטו, פאָטער, מיינער ?
אויב כ׳האָב דיך ווען געהאַט, —

זאָג, וויפיל צייט אַנטלאָפן
איז שוין פון יענער נאַכט,
ווען דו פאַרזייט מיין לעבן
האָסט אין מיין מוטערס טראַכט ?

נאָר קיינער וויל ניט זאָגן,
נאָר קיינער ענטפערט ניט,
און די לבנה טרויריק
ביים ברעג פון אָפּגרונט ציט.

מיין בליק מיט צאַרטער בענקשאַפט
גלעט אירע טריט און גלעט :
ווי אָפט ביסטו געשלאָפן
מיט מיר אין יונגן בעט.

ג ר אַ ף

אויך די לבנה ענטפערט ניט. פילייכט
ווייסט גאָר דיין מאַן. נאָר זע, פאַרוואָס איז פייכט
געוואָרן מיטאַמאָל דיין אויג, און ס׳פּנים בלאַס ?

ב אַ ל ע ר י נ ע

אָ, האַר, דאָס איז אַן אומגליקלעכער שפּאַס,
וואָס איר וועט ערשט פאַרשטיין, ווען איר אליין וועט הערן

וואָס ס'האָט מיין מאַן צו זאָגן וועגן דעם.
און כאָטש איך שעם זיך, שעם זיך, שעם,
וועט אָבער פיל מיר לייכטער ווערן
ווען איר וועט זיינע רייד דערהערן.

זי גיט אַ דריק א קנעפּל און עס לאָזט זיך אַרונטער פון באַלקן אַ האַלב-אַנגעבלאָזענע פיגור צוגעבונדן צו אַ שטריק, ווען די פיס פון דער פיגור דער-גרייכן דעם דיל, און איידער די פיגור איז נאָך אינגאַנצן אָנגעבלאָזן, הויבט זי שוין אָן צו ריידן.

מ אַ ן

זי איז שיין
מלא חן.
אירע אויגן
זיינען גלאַנציק:
ווייל זי איז ערשט
דריי און צוואַנציק.

בלוי די אויגן,
ראָז די באַק,
קוש איך זי מיר
גאַנץ געשמאַק.

און ווי בשמים
שמעקט איר לייב,
און זי איז
מיין טרייע ווייב.

זי איז יונג,
און זי איז שיין,
און געהערט נאָר
מיר אליין.

ג ר אַ ף

ווי אָפט רעדט דאָס אַזוי?

ב אַ ל ע ר י נ ע

גיט ווידער אַ דריק אַ קנעפּל און די פיגור אין מיטן ריידן פאַרשווינדט ווידער אין דער הויך.

האַר, ס׳גאַנצע לעבן,
איך מיין, זייט איר האָט אים מיר פאַר אַ מאַן געגעבן.
דערמאָנט זיך נאָר די נאַכט, ווען איר זייט מיר פאַרבייגעריטן
און אָפּגעשטעלט זיך לעבן מיר. איך האָב געזאָגט,
אין האַרצן האָבן זיך אריינגעשניטן אייערע רייד
ווי האַרפן קלאַנג. איר האָט גערעדט און איך,
איך האָב געמיינט א ווייט געזאַנג וויגט איין מיין האַרץ.
אָ, גראַף! איר האָט געזאָגט: זיי, טאָכטער, גרייט,
איך האָב איצט אויסגעקליבן דיר א מאַן.
האָב איך געזאָגט: איך בין, מיין מייסטער, גרייט
פאַר דעם, וואָס איר האָט אויסגעקליבן מיר אַלס מאַן.
האָט איר אַ קוק געטאָן אויף מיר, און מיינע האַר
אַ גלעט געטאָן:
נאָך איידער ס׳וועט אוועק א יאָר צי צוויי,
וועל איך דיר געבן א געליבטן אויך.

ג ר אַ ף
האָב איך דאָס וואָרט מיינס ניט געהאַלטן?

ב אַ ל ע ר י נ ע
איר האָט, מיין האַר!

ג ר אַ ף
וואָס גלאַנצן דיינע אויגן?

ב אַ ל ע ר י נ ע
אָ, האַר, ער קומט! זיי לייכטן ניט, זיי טאַנצן
אַנטקעגן אים מיט נאַקעטער און הוילער פרייד.
איך זע אים ניט, נאָר ס׳האַרץ האָט מיר געזאָגט: ער גייט.

ג ע ל י ב ט ע ר

מען זעט אים ניט, נאָר מען הערט זיין שטימע

די שוואַרצאַפּלען צאַפּלען און די אַקסלען צוקן,
און די ווערטער מיינע פאַלן אין א קנויל.

לאָז מיך ווידער אין די אויגן דיינע קוקן,
לאָז מיך ווידער הערן ווערטער פון דיין מויל.

האָסט געבעטן: מיינע יאָרן שלאָפן
אין דעם גרויען האָפן פון מיין מאַן.
קום, באַפריי מיך... בין איך אָנגעלאָפן
און באַפרייט דיך פון דעם שווערן שפּאַן.

ווי דער הימלס האָרן אויסגעבויגן
ליגסטו הויל אַצינדערט אויף מיין דיל,
און פאַרשעמטע, צו דער ערד געבויגן,
וויינען דיינע דרייסיק יאָרן שטיל.

צוויי און דרייסיק... אין א ווײלע שפּעטער
פינקלען, גליען זיי שוין ווי אַ קויל,
רופן אָן מיך זייער האַר און רעטער,
קושן מיר די אויגן און דאָס מויל.

אָ, ווי אונזער פרייד איז העל געפלאַסן,
ווי דעם דיכטערס וואָרט, אריבער צייט און אָרט!
האָט אומגערן זיך דער כוס פאַרגאָסן,
פאַלט אומגערן פון דעם מויל אַ וואָרט — — —

באַלערינע וויינט די גאַנצע צייט, ווישנדיק זיך די אויגן.

ג ר אַ ף

וואָס וויינסטו, באַלערינע?

ב אַ ל ע ר י נ ע

האַר! האַר! האַר!
ווי קענט איר רואיק צוקוקן מיין צער?
דערהרגט מיך!

ג ר אַ ף

האָסטו אים מער ניט ליב?

באַלערינע
איך האָב שוין מערער אים ניט ליב?

ווערט רואיק, ווישט זיך אויס די טרערן.

איך האָב גענוג געיאָמערט שוין, געוויינט,
איצט וויל איך רואיק זיין און אלעס אייך דערציילן,
און ווען ס׳וועט אלעס קלאָרער זיין פאַר אייך, וועט איר
אליין דערזען, אַז רעטן קען מיך בלויז דער טויט.
נאָר ווייסט, אז איך זוך בלויז דעם טויט דערפאַר
וואָס איך וויל ניט, קיין שפּרענקעלע זאָל פאַלן
אויף אייער נאָמען, גראַף, און אויך אויף אים,
וואָס איר באַשטימט האָט מיר פאַר אַ געליבטן.

גראַף
?

באַלערינע
יאָ, יאָ, הער גראַף, עס האַנדלט זיך אום אייער ערע
און אויך אָן זיינער. גראַף, איר האָט געהאַלטן אייער וואָרט,
און קוים איז נאָר אוועק א יאָר (ווי קלאָר געדענק איך עס),
רופט איר מיך צו, און גלעטנדיק, ווי שטענדיק, מיינע האָר,
האָט איר געזאָגט: היינט פאָרט אוועק דיין מאַן מיט מיר.
ער וועט דריי טעג זיך זאַמען. דו שליס ניט צו די טיר.
און מער קיין וואָרט. נאַכט. אַ נאַקעטע אין דעם לבנה שיין
ליג איך אין בעט. איך וואַרט. ווי אין דעם האַפן שווימט אַריין
נאָך שווערע שטורעם טעג אַ שיף, איז פונקט אזוי אין מיינע פוסטע טעג
אַ זיכערקייט אריינגעשוואומען. איך האָב דערקענט אַ ציל, א צוועק.
און ווי דער ים צו דער לבנה, אזוי האָט זיך געהויבן
מיין האַרץ צו אים! אָ, ווען וואָלט עס איינגעפאלן,
אַז באַלד וועט אַלץ פאַרשווינדן! גראַף! ווי ער קען קושן!
אָט גיט אַ קוק אויף מיר! אַזוי פלעגט ער דאָס מויל
פאַרמאַכן, אַז ארויסגעבליבן איז אַ שטיקל צונג
פון צווישן די פאַרמאַכטע ציין. און מיט דעם שטיקל צונג
פלעגט ער אַפיר טאָן איבער מיינע ליפּן.
אָ, ס׳אַראַ פריידיק, ציטערדיקער גרויל
לויפט דורך דעם לייב. אָ, גראַף! אַזוי מוז ציטערן די הוז,
ווען ס׳קושט דער חלף איר דעם האַלז. ניט קוקט אזוי!

ס׳איז אמת, יאָ, כ׳האָב שטאַרק אים ליב.
קומט איינמאָל ער צוגיין
און ס׳גייט מיט אים אַ יונג אַ צווייטער מיט,
די אויגן פון דעם יונג זיי זיינען, וואָלט איך זאָגן, לער,
און לער אויך, דאַכט זיך, זיינען זיינע שווערע טריט.
און ס׳נעמט מיין ליבסטער אָן מיך פאַר דעם אַקסל
און זאָגט אַזוי: הער אויס, און וויס, אַז אַנדערש קען ניט זיין.
ביסט מער ניט מיינע. איך האָב געשפּילט, געשיכורט,
צום סוף, ווען כ׳האָב געהאַט שוין אַלץ פאַרשפּילט, האָב איך
דיך איינגעשטעלט אין קאָן. געהאַפּט, נאָר אויך פאַרשפּילט,
צו אים פאַרשפּילט. אַדיע. צו דיר וועל איך שוין מער ניט קומען,
נאָר ער, און איבערמאָרגן אָוונט וועט ער זיין ביי דיר.
אָ, האַר, דערהרגט מיך! היינט איז דער אָוונט! דערהרגט מיך!
וואָס זאָל איך טאָן?

גראַף
ניט איינמאָל האָט פּאַסירט שוין, אַז אַ מאַן
צי אַ געליבטער האָט פאַרשפּילט די פרוי, וואָס האָט צו אים געהערט,—

באַלערינע
זאָג איך דען עפּעס, האַר,
זאָג איך דען, אַז איך וועל פאַרשליסן מיינע אָרעמס,
פאַר דעם וואָס איך געהער איצט לויטן מזל?
ס׳איז עפּעס אַנדערש, גראַף!
אַ פרוי, וואָס ווערט פאַרשפּילט גיט זיך דעם באַלעבאָס דעם נייעם אָפּ,
דערמיט פאַרענדיקן זיך אַלע אירע פליכטן.
דאָס איז אַ קלייניקייט. איך, אָבער, רעד אַצינד פון ליבע,
פון ליבע ברענענדיקע —

גראַף
וואָס עפּעס, ברענענדיקע ליבע?

באַלערינע
איך מוז פון אייער כבודס וועגן, גראַף, און אויך פון מיין
געליבטנס כבוד. גראַף, וואָס וועט די וועלט די גאַנצע זאָגן
פון איך, ווען ער ווערט ניט פאַרברענט אין מיינע אָרעמס?
אָ, גראַף, וואָס וועט מען זאָגן פון מיין ליבסטן?

די וועלט וועט זאָגן, אַז מיין ליבסטער האָט פאַרשפּילט ניט עפּעס רעכטס,
נאָר אַ שטיק האָלץ, וואָס טויג אויף גאָרנישט ניט!
די חרפּה וועט פאַר אים א חופּה שטעלן; גראַף,
ניט בלויז פאַר אים, די חופּה וועט אויך זיין פאַר אייך, —
ווייל ס׳האָט מיין ליבסטער מיך פון אייך געקראָגן!
און כדי צו רעטן אייער ערע און מיין ליבסטנס,
כדי די וועלט זאָל וויסן, אַז איר האָט אוועקגעשאָנקען
אַן אויסגעפּרואווטע און ערשט־קלאַסיקע געליבטע,
און פּונקט אַזאַ האָט מיך פאַרשפּילט מיין ליבער, —
גראַף! מוז איך שטאַרק אַזוי מיין נייעם ליבסטן ליבן, —
איך קען עס אָבער ניט.

גראַף

פאַר וואָס?

באַלערינע

ווייל איך האָב ליב נאָר דעם,
וואָס איר האָט מיר געגעבן, מייסטער און מיין האַר.
נאָר טו איך, וואָס עס הייסט מיר ס׳האַרץ מיינס, גראַף,
באַדעק איך אייער נאָמען און דעם נאָמען פון מיין ליבסטן
מיט חרפּה און מיט שאַנד פאַר אַלע דורות. —
דערהרגעט מיך! איך קען שוין מער ניט לעבן!

גראַף

וואַרט צו א ווייל, דער ענין איז פאַרדרייט, פאַרפּלאָנטערט.
איך ווייס ניט ווי צו האַנדלען, וואָס צו טאָן.
דו ברייננג דעם אויפזעער פון מיין ביבליאָטעק.
זאָל ער אונז זאָגן, ווי ס׳איז אָנגענומען זיך צו פירן
און ווי ס׳איז רעכט צו האַנדלען אין אַ פאַל אַזאַ.

ווענדנדיק זיך צו דעם ביבליאָטעקאַר, וואָס איז
געבליבן שטיין אין דער האַלב פאַרמאַכטער טיר.

לומפּ! דו ליגסט שוין זעכציק יאָר ביי מיר אין הויף
און עסט מיין ברויט! און שטאָט צו גריבלען זיך אין ביכער,
אין אַלטע מאַנוסקריפּטן און אין גאַנג פון שטערן,
צו וואָס ביסט אייגנטלעך געקומען אויף דער וועלט,
האָסטו זיך גאָר געגריבלט אין די שויסן פון די דינסטן; —

לומפ! און שטאָט דערקענען אָן דעם פּאַפּירוס
זיין עלטער און אַלץ איבעריקע, וואָס מען דאַרף דאָרט וויסן,
האָסטו זיך גאָר געלערנט צו דערקענען
אָן ווייבערישע בריסט פון וויפיל מענער
זיי זיינען שוין געקושט געוואָרן. זאָג מיר, לומפּ,
זאָל איך באַווייליקן דעם טויט מיין באַלערינען?
זאָג, איז עס רעכט? זאָג, דאַרף איך טאָן אזוי?

ביבליאָטעקאַר

שווער אויפן אָרט באַשטימען, גראַף. עס דאַרף מיר נעמען יאָרן
צו טראַכטן, אונטערזוכן, אויסגעפינען פּרעצעדענטן.
נאָר ווייל דאָס פּובליקום איז שוין אַזוי אויך אומגעדולדיק,
וואָלט איך אייך ראָטן, אַז מען זאָל איצט באַלערינען טויטן.
און אויב עס לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז געווען רעכט,
ווערט באַלד באַשטעלט ביים זעלביקן פּאַרפאַסער אַ פיר־אַקטיק שטיק
מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג, וואָס וועט זיך רופן „דער גערעכטער משפּט".
און אויב פאַרקערט, וועט זיין דער רעזולטאַט דער זעלבער,
נאָר הייסן וועט דאָס שטיק „דער אומגערעכטער משפּט".

דער גראַף און די באַלערינע אַפּלאָדירן שטאַרק. עס קומט אריין דער תליון מיט זיינע צוועלף געהילפן, דער מאַן, דער געליבטער, דער נייער געליבטער, אַלע נעמען זיך פאַר די הענט, דער גראַף און די באַלערינע אין דער מיט, און פאַרנוויגנדיק זיך פאַרן פובליקום הויבן זיי אָן צו זינגען.

אַלע

געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע
איז איבער דעם זאַמדיקן וועג,
געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע,
און איז שוין אויף אייביק אַוועק.

עס שוועבט לייכט די גאָלדענע פּאַווע,
די פּאַווע האָט לייכט דורכגעבליצט,
נאָר ס'גאָלד פון די פליגל די ברייטע,
האָט טיף זיך אין האַרצן פאַרקריצט.

אַ ל ע

לאַנג דויערנדיקער אַפּלאָוז פון פּובליקום. דאָס פּובליקום הויבט זיך אויף פון די ערטער.

עס שוועבט לייכט די גאָלדענע פּאַווע,
די פּאַווע האָט לייכט דורכגעבליצט,
נאָר ס׳גאָלד פון די פליגל די ברייטע
האָט טיף זיך אין הארצן פארקריצט.

שיפּע װיבעלע

די 16 פאַרפירטע מיידלעך, דער דירעקטאָר, מלכה פיק און די 8 קלאַנסנ־
באַוואוסטע האָרעפּאַשניקעס.

ד י ר ע ק ט אָ ר

דער דורכפאַל פון דעם ר ו י ט ן
און ב ל ו י ע ן נ אַ כ ט י ג אַ ל*)
האָט ניט געקענט דערטויטן
מיין לעבנס אידעאַל
צו געבן אַ טעאַטער
פון שוימענדיקן וויין,
וואו ס׳וויינט די ליבסטע: „כ׳פלאַטער,
איך וויל איצט דיינע זיין."
וואו וויינט זי? אויף דער בינע,
צי צווישן פובליקום?
וואָס איז די נאַפקעמינע —
זי פלאַטערט אומעטום!

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

צו שיפּע זיבעלע

שיפּעלע, שיפּעלע, שיפּעלע, שיפּ —
גיב מיט דיין צינגל א פיר אויף מיין ליפּ.

ד י ר ע ק ט אָ ר

שטילער, רוישט ניט ווי אַ מיל,
זייט ניט אַזוי איילִיק!
באַלד אָט הויבט זיך אָן א שפּיל,
שיין און אויך קורצווייליק!

מ ל ך ה א ר ץ

די וועגדונג איז ניט שלעכט. איך טאָן
פון אַלטן גוטן סטיל. באַוואונדערט
האָב איך עס נאָך אין 16טן יאָרהונדערט.

---

*) שטיק פון דעם זעלבן פארפאסער.

מ ל כ ה פ י ק

און איצט ?

מ ל ך ה א ר ץ

און איצט ? עס הויבט ערשט אָן
געפעלן מיר מיט טויזנט נייע חנען !

ד י ר ע ק ט אָ ר

הערט אויף צו פּלוידערן ! דאָס פּובליקום קען מיינען
מיר גייען שטאָפּן אים מיט קינסטלערישע פּיעסן.

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

איז וואָס ?

ד י ר ע ק ט אָ ר

ניט זיין וועט וואָס צו פרעסן !

מ ל ך ה א ר ץ

וואָס פאַר אַ פּובליקום ? זייט איר גערירט פון זינען ?
מיר האָבן נאָך דערוויל קיין איינפאַל ניט געפונען
פון וואָס און ארום וואָס א שפּיל צוזאמענשפּינען,
ניט אויסגעטראַכט נאָך וויצן, לידער, אַנעקדאָטן,
און איר האָט זיך צעלאָזט, ווי אַלץ וואָלט זיין שוין פאַרטיק,
און מיר, מיר וואָלטן איצט שוין אויפגעטראָטן
אין פולן גלאַנץ און פּראַכט.

ד י ר ע ק ט אָ ר

קאָלעגן, קאָמעדיאַנטן,
כ׳בין ניט גערירט פון זין,
כ׳בין בלויז אַזוי באַגייסטערט,
אַז כ׳ווייס ניט וואו איך בין.

קוים זע איך אייך צוזאַמען,
איך ווייס, ס׳איז נאָ׳נט דער ציל :
מיר וועלן באַלד שוין האָבן
אַ שפּאָגל נייע שפּיל.

א ח ש ו ר ו ש

מיט אַלטע וויצן ?

ו ש ת י

טייערער,
אַ ווײַן איז ניט קיין ווייב,
וואָס יעדן חודש בײַט מען
ווי ס׳העמדל פונם לײַב!

אחשורוש

וואָס ביסטו מיט מיר ברוגז,
באמת, זאָג, פאַרוואָס?
האָסט מיטאַמאָל גאָר פלוצים
אַראָפּגעלאָזט די נאָז!

ו ש ת י

האָ, נאַקעט זאָל איך קומען?

אחשורוש

בין איך קיין מאָלער ניט?
געננג געמאָלט פּייזאזשן,
איך בין פון זיי שוין מיד!
און עפּל, זעמל, באַרן
ניט מאָלן וועט מײַן האַנט!
איך וועל צו פרויען־שיינקייט
איצט ווידמען מײַן טאַלאַנט!

צובויגנדיק זיך נענטער

און דו, בלויז דו וועסט זײַן מײַן מאָדעל... דו וועסט הענגען אין אַלע שלאָפצימערן... אַזוי איז לעצטנס די מאָדע... יעדער מאַן וועט דיך באַוואונדערן... יעדע פרוי וועט אויסגיין פון אײפערזוכט... אָ, ושתי, ושתי...

ו ש ת י

טייערער... שטילער... איך ברען... קום שוין א היים... איך בין גרייט אויף אַלץ... אַבי נאָר העלפן דײַן טאַלאַנט... דײַן גרויסן טאַלאַנט... איך בין גרייט מקריב צו זײַן זיך צו העלפן דיר פאַר־שפּרייטן אמתע קונסט צווישן פאָלק... צווישן די ברייטע פאָלקס־מאַסן... אָ, טייערער...

אחשורוש

שטום איין! מען וועט אונז נאָך אין גאַנצן ארויסוואַרפן פון דער טרופע. דו גיב נאָר א קוק ווי דער דירעקטאָר האַלט אין איין וואַרפן גיפטיקע בליקן צו אונז... און קיין גראָשן איז ניטאָ ביי דער נשמה... און די קינדערלעך דאַרפן עסן... מיר מוזן זיך צוהערן צו זיינע פלוידערייען, אָדער מאַכן זיך, אַז מיר הערן זיך צו.

ושתי

וואָס אַרט מיך קינד? מיך אַרט ניט קינד!
וואָס אַרט מיך דו? דו אַרטסט מיך ניט!
מיין זעל געהערט דער שיינער קונסט,
מיין גייסט זיך צו די הימלען ציט!

אחשורוש גיט אַזאַ ברום, אַז עס הערט זיך איבערן גאַנצן זאַל. דער אַלץ רעדנדיקער דירעקטאָר האַקט אָפּ אין מיטן און דרייט אוים זיין קאָפּ.

דירעקטאָר

און וואָס זאָגט איר, קאָלעגע אחשורוש? איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז מיר קענען און וועלן טאַקע מאַכן אַ נייע שפּיל, און אַז מיר וועלן די זאַך אויפפירן און וועלן, פאַרשטייט זיך, דורכפאַלן, ווי געוויינלעך. מיר האָבן ניט קיין מזל, קאָלעגע אחשורוש. איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, מיך אַרט שוין ניט די פאַרפוילטע אייער און עפּל וואָס מען וואַרפט אויף אונז... שוין צוגעוואוינט זיך דערצו... אָבער דאָס אויפראַמען די עפּל און אייער נאָך דער פאָרשטעלונג, ווען אין דער קאַסע איז ניטאָ קיין גראָשן... ניט אזוי אָנגענעם, קאָלעגע אחשורוש.

שטימען

— אַנדערע האָבן יאָ דערפאָלג!

— מזל!

— פאַרוואָס?

— אונז פעלט אַ אידעע!

— אונז פעלט גליק!

— אַ אידעע!

— מיר ווייסן ניט ווי צו מאַכן אַ שפּיל!

ש י פ ע   ז י ב ע ל ע

שפרינגט ארויס פון א ווינקל און איבערקוליענדיק
זיך דריי מאָל בלייבט שטיין אין מיטן זאַל.

כאָטש איך האָב, ווי מען זאָגט, א קורצן שכל,
איר זעט דען ניט, איך האָב שוין לאַנגע האָר,
נאָר איך בין זיכער, איך און אונטער אייכל,
מיר קענען דאָס מאָל מאַכן אַ פוראָר!

פאַרביי די צייט פון קלאונען און פון וויצלער,
דער רעאַליזם איז אויך אָפּגעווישט!
מען דאַרף פאַרגעסן אויך דעם אַרטור שניצלער,
וואָס טרוים און ווירקלעכקייט צוזאַמענמישט!

איך בעט דערפאַר, איר זאָלט אונז גנעדיקס געבן,
וואָס מיינט פאר אונז א סך, פאַר אייך ניט פיל,
אזוינע ראָלן אין דעם נייעם שפּיל,
וואָס אויסגעפּרואווט שוין האָבן מיר אין לעבן.

מ ל ך   ה א ר ץ

למשל?

א ו נ ט ע ר   א י י כ ל

ארונטערשפּרינגענדיק פון א געזימס

קושן זיך.

ש י פ ע   ז י ב ע ל ע

און האַלזן זיך.

מ ל ך   ה א ר ץ

כסדר?

ש י פ ע   ז י ב ע ל ע

וואָס קען עס שאדן?
מיר קושן זיך דאָך סיי ווי סיי
סיי טאָג, סיי נאַכט.

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

אוּן איר וועט אײַנשפּאָרן דערבײַ
דאָס געלט וואָס איר דאַרפט צאָלן אונז.

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

און לײדער — —

מ ל כ ה פ י ק

וואָס איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען אָן אַ זײַט און זיך צוגעהערט צום שמועס, גיט אַ שטאַרקן צי דעם פּאַפּיראָס. רעדט דורך די ציין צו אונטער אייכל, וואָס האָט זיך צוגערוקט צו איר.

שנעק! איך האָב געמיינט דו ביסט אַ מאַן.
אָוועק פון מיינע אויגן.
וואָס האָט אַזוי דיך צוגעצויגן איצט צו איר?

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

איך ווייס? איך ווייס בלויז, איך ווער שיכור
ווען שיפע זיבעלע דערנענטערט זיך צו מיר.

ד י ר ע ק ט אָ ר

נאָכדעם ווי עס געלינגט אים איינשטילן דעם עולם.

שטילער, קאָמעדיאַנטן, האָט אַ ווייל געדולד!
זאָל כאָטש שטילער ווערן אויף אַ רגע!

צו קוני לעמלען

ווילט איר וואָס דערקלערן אונז, קאָלעגע?

ק ו נ י ל ע מ ל

הוסט זיך אויס אַביסל און הויבט אָן שטאַמלען, שפּעטער קומט ער אביסל צו זיך.

יאָ, איך וויל! איר ווייסט דאָך, אַז שוין לײנגער פון אַ יאָר
ווי איך בין קוני לעמל, און ס׳איז איצטער ניט מיין שולד
וואָס כ׳וויל עס מער ניט זיין.

מ ל כ ה פ י ק

פֿאַרוואָס ?

מ ל ך ה א ר ץ

פֿאַרוואָס ?

ד י ר ע ק ט אָ ר

אַ מענטש זאָגט ניין, מסתמא איז אים קלאָר,
וואָס דאַרפֿט איר שטופּן אייער נאָז ?

ק ו נ י ל ע מ ל

שפּרינגט אויף

לומפּ, דו בעסער שוויג !

גרויסער טומל, ווען דער טומל ווערט שטילער לאָזט זיך ארונטער א באַלון און פֿון אים שפּרינגען ארויס 16 פֿאַרפּירטע מיידלעך.

16 פֿ אַ ר פּ י ר ט ע מ י י ד ל ע ך

פֿארנויגנדיק זיך און אויפֿהויבנדיק אביסל די גאַנץ קורצע קליידלעך.

לומפּ ! דו בעסער שוויג !
לומפּ ! דו בעסער שוויג !
לומפּ ! דו בעסער שוויג !

פֿאַרנייגן זיך כמעט צו דער ערד. טרעטן אָפּ. שטאַרקער בראַוואָ.

אַ כ ט ה אָ ר ע פּ אַ ש נ י ק ע ס

פֿאַלן אריין דורך אַ פֿענצטער.

גענוג שוין אויפֿן מזל קלאָגן !
גענוג שוין וויינען, קאַמעראַדן !
פֿאַרוואָס ניט בויען באַריקאַדן ?

פאַרוואָס ניט רויטע פאָנען טראָגן ?
פאַרוואָס ניט אין דער נייער שפּיל זיך שלאָגן — — —

מ ל ך ה א ר ץ

מיט וועמען ?

אַ כ ט ה אָ ר ע פּ אַ ש נ י ק ע ס

עס איז ניט אונזער זאַך !
עס זיינען שונאים דאָ א סך !
מיר זיינען האָרעפּאַשניקעס, ניט וואָר ?
טאָ גיט אונז האָרעפּאַשנע ראָלן !

מ ל ך ה א ר ץ

אויף מיר אַזאַ יאָר,
די קינדער ריידן צו דער זאַך !

די 8 האָרעפּאַשניקעס בלאָזן זיך אָן, אַז זיי ווערן צוויי מאָל אזוי גרויס. אַלע פּאַטשן בראַוואָ. אונטער אייכל און שיפּע זיבעלע שפּרינגען ארונטער פון א געזימס און בלייבן שטיין אין מיטן זאַל

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

שיפּעלע, שיפּעלע, שיפּעלע זיבן,
איך האָב מיר אַ רעטעניש און נאָך איינס פארשריבן,
וואָס איז העכער פון א בוים ?
וואָס איז זיסער פון אַ פלוים ?

ש י פּ ע ז י ב ע ל ע

אונטערל, אונטערל, אונטערל אייכל,
גיך איז דיין צונג און געלעהמט איז דיין שכל,
דער פּראָלעטאַריאַט איז העכער פון אַ בוים,
דער סאָציאַליזם איז זיסער פון א פלוים !

אַלע לאַכן. עס שווייגט דעמאָנסטראַטיוו דער יונגערמאַן. די אַכט האָרעפּאַשניקעס מאַכן מיט די הענט ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן אָנהויבן א געשלעג.

מ ל כ ה פ י ק

זיפט די ווערטער, וויל שטאַרק, אַז דער יונגערמאַן
זאָל זי הערן.

און ווער עס וויל זיך שלאָגן,
זאָל שלאָגן זיך, ווי דען!
נאָר זאָלן פונקען יאָגן,
אַז זיין זאָל וואָס צו זען!

צום יונגערמאַן, וואָס באַטראַכט זי מיט שנאה.

און אויב דיר ווילט זיך רוען,
טאָ רו דיר אין גאָטס לויב!
דאָס לוילעכע ניט־טוען
זאָל זיין דיין טיפע הויב.

מיר וועלן דיך באזינגען
אין פערזן, ריטם, ריים. —
ביינאַכט די פעלדער קלינגען,
דאָס קומט דאָס שאָף אַ היים.

י ו נ ג ע ר מ אַ ן

עסטעטישע הור.

מ ל כ ה פ י ק

מערסי באַקו!

דער יונגערמאַן קריגט שיער ניט די שלאַק פון
דעם בליק, וואָס זי וואַרפט אים צו.

ק ו נ י ל ע מ ל

נאָכדעם ווי עס געלינגט אים ווי ניט איז איינ-
שטילן דעם עולם.

חברים קאָמעדיאַנטן,
קאָלעגן פון דעם פאַך,
א נאָנטן און פאַרוואַנדטן
נעמט אונטער אייער דאַך!

כ׳בין ניט קיין פלאָם, אַ פלעמל,
בין ניט קיין הויפּטראָליסט,
איך בין מיר קוני לעמל,
אַ ראָלע ווי אין וויסט!

איך קלאָג זיך ניט. נו, מילא,
ניט יעדער איז א סטאַר!
נאָר יעדע, יעדע רגע
מיך מאַכן פאַר אַ נאַר!

ברעכט אויס אין א געוויין. אַלע בלייבן פאַרגלי-
ווערט. דירעקטאָר — אומרואיק. קוני לעמל וויל
ווייטער אָנהויבן ריידן נאָר געפינט ניט קיין גראַ-
מען און קען ניט ארייַנפאַלן אין ריטם. שרייט
פּלוצים אויס:

ענטשולדיקט מיר, מוזען, וואָס אין דער שעה פון מיין גרעסטער פאַר-
צווייפלונג מוז איך ארונטער פון פּעגאזוס און אָנהויבן ריידן פראָזע.

מלך הארץ

נאָך בעסער, קאָלעגע. דאָס פאָלק האָלט ניט מער פון פּערזן. די
מיינסטע קאָמעדיעס אין גראַמען זיינען א דורכפאַל. א נייע צייט.
פאָלגט מיך, פירט די גאַנצע סצענע דורך אין פראָזע און זי וועט
זיכער מאכן א פוראָר.

קוני לעמל

פאַר אייך שעם איך זיך ניט. איך וועל אייך אַלץ דערציילן, אויפדעקן
מיין צעווייטיקט האַרץ. איר ווייסט דאָך, אַז ווען איך פאַרקוק זיך
אויף א ווײַלע דאַרף מען מיר פאַרבייטן מיין כלה. דערביי דאַרף איך
זינגען. דאָס איז די גאַנצע סצענע, גאָרנישט ניט מער. אָבער פאַר-
וואָס פארפירט מען מיר דערביי מיין כלה? פאַרוואָס? פאַרוואָס?
איך האָב נאָכגעקוקט דעם מאַנוסקריפּט און דאָרט איז אפילו קיין
אָנונג ניטאָ אויף דעם, אַז מען דאַרף מיר פאַרפירן מיין כלה. איך
האָב זיך אפילו געזען מיט דעם פאַרפאַסער און ער האָט מיך פאַרזי-
כערט, אַז ער האָט אפילו ניט געטראַכט אזוינס ארייַנשרייבן אין אָרי-
גינאַל. גאָט! פאַרוואָס קומט דאָס מיר!

מ ל ך ה א ר ץ

ווער האָט פאַרפירט אייער כלה?

ק ו נ י ל ע מ ל

ניט איין כלה, נאָר גאַנצע 16!

ווייזט אָן אויף די 16 פאַרפירטע מיידלעך, וואָס פאַרנייגן זיך דערביי אויפהויבנדיק גאַנץ הויך זייערע קורצע קליידלעך.

ש ט י מ ע ן

— ווער האָט פאַרפירט זיי? —

— ווער?

ק ו נ י ל ע מ ל

ער!

אָנווייזנדיק אויף דעם דירעקטאָר. גרויסער טומל. העגט הויבן זיך אין דער ריכטונג צום דירעקטאָר — 16 פאַרפירטע מיידלעך שמירן זיך די ליפּן. פּאַטשן בראַוואָ.

ד י ר ע ק ט אָ ר

גאָט! מיין גאָט! צו וואָס מיר האָבן זיך דערלעבט, מיר די ריטער פון דער ריינער קונסט! איך וועל ניט לייקענען און ניט באַשטעטיקן די רייד פון מיין זייער טאַלענטירטן קאָלעגע. צו וואָס? די קלאַגע איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַזאַ ליכט, וואָס באַליידיקט אונזער אינ־טעליגענץ. וואָס איז די קלאַגע? די קלאַגע איז, אַז איך האָב זיך ניט געהאַלטן טריי צום טעקסט. וויל איך אייך טאַקע פרעגן, געשעצטע קאָלעגן, פון ווען אָן דאַרף מען זיך דאָס האַלטן טריי צום טעקסט פון א פיעסע? און לאָמיר אייך פרעגן, ווען אין טעקסט וואָלט געשטאַנען, אַז איך דאַרף פאַרפירן די מיידלעך, וואָלט עס שוין יאָ רעכט געווען?

מ ל ך ה א ר ץ

יאָ, מיר דאַרפן איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַשטימען וואָס צו טאָן מיט דעם פּאַרפאָסער און אין איין וועג שוין מיט אלע אַנדערע פאַר־פאָסער. אלע צרות פון דער וועלט ברענגען זיי, בלויז זיי. אָבער וואָס זאָל מען טאָן מיט די מיידלעך? כשרע אידישע טעכטער.

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

עס איז ווי פון הימל! אָט זיצן מיר און ברעכן זיך די קעפּ ווי גיט מען זיך אַן עצה. עס איז דאָך ביי אונז אַן אמתע מגפה אויף פּיעסן. קיין איינע האַלט זיך ניט. קאָלעגן טייערע, לאָמיר חתונה מאַכן די 16 פּאַרפירטע מיידלעך מיט די האָרעפּאַשניקעס, אפשר וועט דאָס אָפּשטעלן די מגפה אויף אונזערע פּיעסן. עס איז דאָך אַן אַלט און אויסגעפּרואווט מיטל.

מ ל כ ה פּ י ק

און די חתונה וועלן מיר פּראַווען אויפן בית עולם, ניט אמת? וואָס פאַר א ספּעקטאַקל וועט דאָס זיין!

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

געוויס אויפן בית עולם. עס וועט זיין עכט אידישלעך. אַן אומפּאַר־געסלעכע רירנדע סצענע. מיסטיש... אַלע וועלן ציטערן...

ד י ר ע ק ט אָ ר

וואונדערלעך!

מ י ס ט י ק ע ר

שמע ישראל!

ד י ר ע ק ט אָ ר

ווער איז דאָס?

מ ל כ ה פּ י ק

דער מיסטיקער. אַזוי ליגט דאָס א גאַנצן טאָג אין א ווינקל, פרעסט ציבעלע און קנאָבל, גרעבסט און שטינקט. דערשמעקט א פּאַרדינסטל האָט דאָס זיך אַזוי צוברומט.

ד י ר ע ק ט אָ ר

זיי ניט אַזוי קריטיש, שוועסטער, א טרופּע דאַרף האָבן א מיסטיקער אויך.

מ ל כ ה פּ י ק

אפשר ביסטו גערעכט... אוי, גאָט מיינער! אַן אומגליק! מיר

האָבן גאַנצע 16 פאַרפירטע מיידלעך און בלויז 8 האָרעפּאַשניקעס. ווי גיט מען זיך אַן עצה!

אַלע פאַרצווייפלט. דירעקטאָר שטעלט אויס אַ פּאָר גרויסע אויגן.

אַ כ ט   ה אָ ר ע פּ אַ ש נ י ק ע ס

די גאַנצע מאַכט דעם ארבעטער קלאַס!

ד י ר ע ק ט אָ ר

אין גאַנצן צעטומלט

הערלעך... פיל ווייבעריי... מיסטיציזם... אידישקייט... פּראָלעטאַריאַט... קאָלאָסאַלע סצענע... געלט וועט שטראָמען און שטראָמען אין טעאַטער...

מ ל ך   ה א ר ץ

און פון דאָרט אין דירעקטאָרס פּלודערן.

ד י ר ע ק ט א ר

צו מלכה פּיק

איך וועל קויפן אַ ווילע... פּאַלאַצן... יאַכט־שיפן... אויטאָמאָבילן... דינסטן...

באַמערקט ניט, אַז שיפּע זיבעלע האָט זיך אונטערגעהערט. זי קערט אום דעם קאָפּ און קוקנדיק ווייט פאַר זיך שפּאַנט זי אַוועק מיט געמאָסטענע טריט. באַגעגנט מלך הארץ, און נעמענדיק אים אונטער דעם אָרעם גייט זי אַוועק מיט אים אין אַ ווינקל פון זאַל. רעדט עפּעס צו אים. טרערן שטייען איר אין די אויגן.

מ ל כ ה   פּ י ק

צו שרה בת טובים

איר וועט זאָגן עפּעס ביי דער חתונה, פאַרפאַסן א נייע תחינה אָדער איבערארבעטן אַן אַלטע.

אַ כ ט   ה אָ ר ע פּ אַ ש נ י ק ע ס

מיר ווילן ניט קיין בורזשואזע זאַגאכצן. מיר זיינען האָרעפּאַשניקעס!

16 פאַרפּירטע מיידלעך

צו קושן זייערע ווערטער.

מלכה פּיק

ווײל איך צו אייך ריידן.

אַכט האָרעפּאַשניקעס

פון וואָס?

מלכה פּיק

פון וואָס? פון דעם נייעם לעבן, פון דער נייער וועלט, פון דער נייער צייט, וואָס

דעקלאַמירנדיק

„קומט אויך פאַרקינדיקן
ליבע באַשטענדיקע,
פון יעדן מינדיקן
צו אַ זעלבסטשטענדיקע
אַרבעטערין!"*)

16 פאַרפּירטע מיידלעך

צו קושן אירע רייד!

מיסטיקער

שמע ישראל!

אַכט האָרעפּאַשניקעס

רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק!

דירעקטאָר

קאַלאָסאַל! רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק! מען דאַרף נאָר צו־פּאַסן דערצו די ריכטיקע מוזיק און אויסטאַנצן עס. דער שמע ישראל וועט אויסגעבלאָזן ווערן אויף א שופר. ביי יעדער פון אָט די סצענעס וועט שיפּע זיבעלע און אונטער אייכל אריינשפרינגען מיט א קופּלעט. אלע וועלן פּאַטשן בראַוואָ, אלע וועלן קומען אין טעאַטער, געלט וועט שטראָמען און שטראָמען, אַ באַלוינונג פאַר אָט די אַלע יאָרן פון הונגער און ליידן.

---

*) דער פערז, ווי די אנדערע, וואָס ווערן געגעבן אין קלאַמערן זיינען פון ווינטשעווסקי און עדעלשטאַט.

ש ר ה   ב ת   ט ו ב י ם

שוין צייט, רבונו של עולם!

ד י ר ע ק ט א ר

צו מלכה פיק

וואָס נאָך ווילסטו? זאָג! אַלץ איז דיינס, דיינס...

צום מיסטיקער

העי, דו!

מ י ס ט י ק ע ר

אָטאָ בין איך, באַלעבאָס!

ד י ר ע ק ט אָ ר

קענסטו אריינלייגן נאָך מער הארץ אין דיין שמע ישראל?

מ י ס ט י ק ע ר

פאַרלאָזט זיך אויף מיר. אויב איר וועט מיר העכערן די ווידזשעס וועל איך עס זאָגן מיט אַזאַ ברען, אַז די ווענט וועלן ציטערן. און פאַר אַן איבעריקע צווי גילדן א וואָך וועל איך עס זאָגן דריי מאָל און צוואווארפן אייך א פּאָר אַווע מאַריאַס גראטיס. איך בין אַן עטישער מענטש, באַלעבאָס, און איך נעם ניט קיין געלט אומזיסט.

מ ל ך   ה א ר ץ

האַלטנדיק שיפּע זיבעלע ביין קין

דאַרף מען אים ווייזן, דעם טאַטן דיינעם, ווער ס'איז עלטער. דו ביסט זיין איינציק קינד און ער דאַרף דיך פאַרזאָרגן, אויב ער האָט נאָר אַ מעגלעכקייט, אויב ער האָט נאָר אַ מענטשלעך האַרץ. ער האָט אָבער אין גאַנצן פאַרגעסן אַן דיר. האָב ניט קיין מורא, מיר וועלן אים געבן אַזאַ שנעל אין נאָז, אַז ער וועט עס האָבן צו געדענקען.

מ ל כ ה   פּ י ק

צום יונגנמאַן, וואָס פלאָנטערט זיך ארום איר.

טראַקטירט אַ דאַמע מיט אַ פּאַפּיראָס. כדי אייך צו געפעלן האָב איך געזאָגט די פּאָר שורות וועגן דער נייער צייט. ניט מיינע, חלילה. די ארבעט פון א האָרעפּאַשנעם פּאָעט, איינעם פון אייערע לייט.

י ו נ ג ע ר מ אַ ן

פאַרברענט זאָלסטו ווערן, הור.

מ ל כ ה פ י ק

ניט מיט דיר צוזאַמען.

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

אַן אַ זייט האַלטנדיק אונטער אייכלס לאַץ

אַט אַזוי בלייבט עס. אַט אזוי האָבן מיר אָפּגערעדט מיט מלך הארץ. איך וועל זיך אונטערלייגן אַ קישעלע אונטערן קלייד. ער וועט עס אָבער ניט באַמערקן, דער טאַטע מיינער. צופיל פאַרנומען מיט דער מלכה פּיק. וועלן מיר צוואַרטן, אפשר פּאַרט. אויב ניט, וועט מלך הארץ אים שיקן אַן אַנאָנימן בריוו אויף לשון קודש, און ווען ער וועט דערהאַלטן דעם בריוו וועט שוין אַלץ גיין ווי געשמירט. ער וועט מיך נעמען אויף אַ פאַרהער. איך וועל זיך מודה זיין, אַז איך טראָג. וועל אים זאָגן, אַז עס איז פון דיר. דו געפעלסט אים, וועט ער וועלן אַז מיר זאָלן חתונה האָבן. דו בעט א גרויסן נדן, זיין גאַנץ פאַרמעגן בעט. איך בין זיין איינציק קינד און אויב דו וועסט זיך איינשפאַרן וועט ער דיר נאָכגעבן. עס וועט בעסער זיין פאר אים. אַזוי וועט ער אויסגעבן זיין גאַנץ פאַרמעגן אויף דער מלכה פּיק און זי וועט בלויז שמייכלען און שמייכלען. עס וועט בעסער זיין פאר אים, אויב זיין געלט וועט זיין אין אונזערע הענט.

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

נעמט זי אַן ביי דער האַנט און ארונטערלאָזנדיק די אויגן

צו וואָס א קישעלע? אפשר אויף אַן אמת?

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

אונטער אייכל! אונטער אייכל! איך—א מאַמע? דו—אַ טאַטע? דו ווייסט דאָך, אַז איך בין שווינדזיכטיק.

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

און איך אַ סיפיליטיקער.

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

רייד ניט וועגן דעם. יאָ, ווען דער טאַטע וועט ריידן מיט דיר, פאָדער פון אים אויך די פּאַרם.

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

צו וואָס דאַרפֿן מיר אַ פּאַרם?

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

דער טאַטע האָט לעצטנס אריינגענומען א פּאָר חלוצים אין דער טרופּע, דאַרף מען זיי געבן וואָס צו טאָן.

חלוצים מאַרשירן אריין. בלוי-ווייסע פאָנען. זינגענדיק התקוה.

אַ כ ט ה אָ ר ע פּ אַ ש נ י ק ע ס

שפּרינגען אויף

„הערט, ארבעטער, איזראַעליטן,
אויף וועמעס גאולה וואַרט איר היינט?
דער גואל פון די פּאַראַזיטן
קען אייער גואל ניט זיין.

1 6 פּ אַ ר פ י ר ט ע מ י י ד ל ע ך

אויפהויבנדיק די קליידלעך

פריינד!"

אַכט האָרעפּאַשניקעס און די 16 פּאַרפירטע מיידלעך שטעלן זיך אוים אין רייען, שפּרייטן פאַנאַנדער רויטע פאָנען. אַלע אויגן געווענדט צו זיי.

אַ כ ט ה אָ ר ע פּ אַ ש נ י ק ע ס

„וויקלט פאַנאַנדער די פאָנען די רויטע,
שפּילט אויף א מאַרש און דערלאַנגט זיך אַ ריר!"

ש י פ ע ז י ב ע ל ע און א ו נ ט ע ר א י י כ ל

שאַט, שאַט, שאַט, שאַט
אָט גייט דעם אַרבעטאָרערס צד!

נעמען זיך פאַר די הענט און זינגען

„הערט זיך צו, וואָס כ'וועל אייך זאָגן,
אויב איר ווילט קיין קייטן טראָגן,
קומט אין אונזער פאָלק!

וואָס מיר ווילן איז ניט פיל ברייען
און פון שקלאַפן יאָך באַפרייען
דאָס אונטערדריקטע פאָלק!"

אַלע פּאַטשן בראַוואָ. יונגערמאַן ווערט שיער צו-זעצט ווען ער זעט מלכה פּיק פּאַטשט שטאַרקער פון אַלעמען.

די אַכט האַרעפּאַשניקעס הויבן זיך אָן רירן — זייער אָן איינדרוקספולע דעמאָנסטראַציע. עס איז שווער צו וויסן צי עס האָבן זיך ארייגעכאַפּט זויטיקע מענטשן, אָדער זיי דרייען זיך אַזוי, אַז עס מאַכט דעם איינדרוק ווי א גרויסע מאַסע וואָלט מאַרשירט. אָן אַ צאָל פּלאַקאַטן, — אמיינסטענס זען זיך אזוינע אויפשריפטן:

נידער מיט דעם קאַפּיטאַליזם!
נידער מיט דעם אימפּעריאַליזם!
זאָל לעבן די סאָציאלע רעוואָלוציע!

אָבער מער פון אלץ זען זיך פּלאַקאַטן מיט דעם אויפשריפט:

„זאָל לעבן דער פינף חדשימדיקער פּלאַן".

די דעמאָנסטראַציע דערנענטערט זיך. מוזיק, גע-זאַנג. אלע מיט אָפענע מיילער.

דירעקטאָר

פּלאַצט ארוים מיט א גרויס געלעכטער.

ממזרים! וואָס איז דאָס פאַר אַן איינפאַל! עפּעס זאָגט מיר דאָס האַרץ, אַז דאָס איז א שמאַלץ גרוב! אָ, מלכה פּיק! אַ יאַכט-שיף, אַן עראָפּלאַן.

16 פאַרפּירטע מיידלעך טרעטן ארוים און אויפ-הויבנדיק די קליידלעך, פאַרנייגן זיי זיך צו דער ערד. גייען אָפּ אָן אַ זייט.

אַכט האָרעפּאַשניקעס

טראָגנדיק דעם גרויסן פּלאַקאַט „זאָל לעבן דער פינף-חדשימדיקער פּלאַן."

„דער ארבעטסמאַן וועט זיין ממשלה
פאַרשפּרייטן אויף דער גאַנצער ערד,

און פּאַראַזיטן די מפּלה
באַקומען וועלן פון זיין שווערד!״

א ש ט י ם

פון אייך אַכט?

אַ כ ט ה אָ ר ע פּ אַ ש נ י ק ע ס

און פון אונזערע קינדער, און פון אונזערע קינדס־קינדער!

א ש ט י ם

האָבן זיי נאָך, די פּאַראַזיטן, אַ נייַן חדשים צו לעבן!

אַ כ ט ה אָ ר ע פּ אַ ש נ י ק ע ס

ניט נייַן, ווייס־גוואַרדעיעץ, נאָר פינף! אָט אזוי גייט דער אויפגעוואַכטער פּראָלעטאַריאַט צו זיין באַפרייאונג! נידער מיט דער צעפוילטער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג! בורזשוי, וואָס עס האָט דער פאַרפוילטער בורזשאַזיע מיט אירע פּאַרלאַמענטאַריער און אירע סאָציאַל־פאַררעטער געגומען נייַן חדשים, וועלן די האָרעפּאַשנע מאַסן באַווייזן אין פינף חדשים! זאָל לעבן דער פינף חדשימדיקער פּלאַן!

מ ל ך ה א ר ץ

מיט קאַרל מאַרקס כוח?

מ ל כ ה פּ י ק

און לעגינס, חבר.

גיט אַ שמייכל צום יונגענמאַן, וואָס ענטפערט איר אָפּ מיט אַ שמייכל. עס איז קלאָר, אַז עס איז איר אָנגענעם אָט דער יונגערמאַן, וואָס שלינגט זי ממש מיט די אויגן. זי פאַרדרייכערט אַ פּאַפּיראָס און לאָזט פאַמעלעך ארויס דעם רויך. זי לייגט איר האַנט אויף דעם יונגנמאַנס אַקסל. קליין, איז איר שווער צו זען אַלץ וואָס עס קומט פאָר, כאַטש זי שטייט אויף די שפּיץ פינגער. דער יונגערמאַן הויבט זי אויף און זעצט זי אויף זיין אַקסל. זי פאַרוואַרפט איר האַנט אויף זיין האַלז. ער קושט אירע קני.

ש ט י מ ע ן

— הוראַ! הוראַ!

— זאָל לעבן דער 5 חדשימדיקער פּלאַן!

— זאָל לעבן דער פינף חדשימדיקער פּלאַן!

מלך הארץ

עס איז וואונדערלעך! אזוינס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן! זאָגט מיר נאָר, עס איז דאָך קיין פרעמדע מענטשן ניטאָ, וואָס וועט זיין, אַז איר וועט עס ניט קענען דורכפירן אין פינף חדשים?

אַכט האָרעפּאַשניקעס

שטום איין, דו קאָנטער־רעוואָלוציאָנער! שטום איין, דו שרייב־קנעכט און פּען־פּראָסטיטוט! אויף צעפּוקעניש פון אַלע שונאים פון ארבעטער קלאַס וועלן מיר דעם פינף חדשימדיקן פּלאַן דורכפירן אין בלויז 4 חדשים!

שטימען

הוראַ! הוראַ!

מלך הארץ

און אויב — — —

אַכט האָרעפּאַשניקעס

שטום איין, דו נישטיקער פּאַציפיסט! נאָך דעם ווי די האָרעפּאַשנע מאַסן וועלן דעם פינף חדשימדיקן פּלאַן דורכפירן אין פיר חדשים להכעיס אלע פּאַראַזיטן פון דער וועלט און זייערע קנעכט, וועלן מיר דערקלערן א נייעם פינף חדשימדיקן פּלאַן און אים דורכפירן אין בלויז 3 חדשים!

שטימען

הוראַ! הוראַ!

אַלע לאַכן, אַלע ־פרייען זיך. מלכה פּיק בויגט זיך איין און גיט אַ קוש דעם יונגענמאַן אין מויל, ער דריקט שטאַרקער אירע פּיס צו זיין האַרץ. מלך האַרץ, קוים איינהאַלטנדיק זיך פאַר געלעכטער, וויל עפּעס זאָגן.

אַכט האָרעפּאַשניקעס

שטום איין, אימפּעריאַליסט! ניט דו וועסט פאַרשטיין מיט וואָס פאַר אַן אימפּעט דער אויפגעוואַכטער פּראָלעטאַריאַט גייט צו דער באַ־פרייאונג פון דער וועלט! בורזשוי, מיר זיינען ניט קיין ראָמאַנטיקער, מיר זיינען רעאַל־פּאָליטיקער, און אויב די אומשטענדן וועלן פאָדערן

וועלן מיר מאַכן א נייעם פינף חדשימדיקן פּלאַן און אים דורכפירן אין בלויז צוויי חדשים.

רווישנדיקע אַפּלאָדיסמענטן. אלע וואַרפן זיך קושן די האָרעפּאַשניקעס און דער יונגערמאַן מלכה פּיקס האַנט.

ש ט י מ ע ן

— **עס איז געניאַל!**

— **אזוינס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן!**

— **דירעקטאָר!**

— **דירעקטאָר!**

אויסער מלך האַרץ האָט אָבער קיינער ניט באַמערקט, אַז דער דירעקטאָר, וואָס איז פריער געווען אין מיטלפּונקט פון זאַל, שטייט שוין א לייַנגערע צייט אין א זייטיק ווינקל. ווען די האָרעפּאַשניקעס האָבן זיך דערנענטערט צו אים, איז אים אָנגעקומען א בריוו. נאָך דעם דורכלייענען דעם בריוו האָט ער זיך באַשמירט דאָס פּנים מיט קרייד, אַז ער האָט אויסגעזען ווי א מת. ער האָט זיך אזוי ווי א ריס געטאָן פון פּלאַץ, אָבער זיך באַלד א כאַפּ געטאָן ביים האַרץ און שטיל גענומען שפּאַנען אין דעם ווינקל פון זאַל וואו שיפּע זיבעלע איז אוועק ווי נאָר זי האָט דערזען אַז ער האָט געקראָגן און הויבט אָן לייענען דעם בריוו. וואָס זיי האָבן גערעדט צווישן זיך איז דעם פּאַרפּאַסער ניט גע-לונגען אונטערצוהערן זיך. קיין שום הויך וואָרט איז ניט ארויסגערעדט געוואָרן. שיפּע זי-בעלע איז געשטאַנען אזוי, אַז מען האָט געקענט לייכט באַמערקן א בערגל אויף איר בויך. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָט זי ווען ניט ווען עפּעס א מורמל געטאָן. דער דירעקטאָר האָט אויסגעזען ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן, און מיט דער לינקער האַנט האָט ער צוגעהאַלטן זיין האַרץ און מיט די פינגער פון זיין רעכטער אזוי ווי עפּעס געזוכט אין דער לופט. ווען עס האָבן זיך דער-הערט די קולות רופנדיק אים, האָט ער אזוי ווי אויפגעכאַפּט זיך פון שלאָף און אָן אַ זיפץ אפילו אַ פאַל געטאָן צו דער ערד.

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

געוואַלט! דער טאַטע חלשט!

י ו נ ג ע ר מ אַ ן

ראַטעוועט!

ק ו נ י ל ע מ ל

א דאָקטאָר!

ט ב י ה ד ע ר מ י ל כ י ק ע ר

וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אין א ווינקל צוזאַמען מיט מנחם מענדלען און געקנאַקט סע-מעטשקעס, גיט א שטאַרקן פּאַטש מיט די הענט.

וואָס מיר וואַסער, וואָס מיר דאָקטאָר!
ר׳איז פאַרביי! רופט א פּראָפעסאָר!
לויפט נאָך דאָקטאָר הערצלען!

מ נ ח ם מ ע נ ד ל

בהמה בצורת פערד! דאָקטאָר הערצל איז דאָך א דאָקטאָר פאר כל ישראל!

ט ב י ה ד ע ר מ י ל כ י ק ע ר

האָסטו דיר א חכם! האָסטו דיר געהערט! אויב ער איז גוט פאר כל ישראל איז ער גוט פאר ר׳ ישראל! געוואלט! דאָקטאָר הערצל, דאָקטאָר הערצל, דאָקטאָר הערצל!

דו שימי
פון סקאָטלאַנד יאַרד

דזשימי, שעף פון סקאָטלאַנד יאַרד, דערציילט ווי אזוי ער האָט אויפגעדעקט
די שרעקלעכע געהיימניס, וואָס די פּרינצעסין איז דרייצן וואָכן נאָך דער
חתונה נאָך אלץ געווען א מיידל.

ערשטער אַקט

דירעקטאָר

פון וואָס ווערט א ליבע געבאָרן ?
פון שמועסן, זינגען און לאַכן !
אין אונזער שפּיל דעם נייעם
איז דאָ די אַלע זאַכן.

מיר האָבן צוגעגרייט אויך
פיל זעלטענע מתנות :
האַלב צוגעשנירטע אויגן
און אַקסלען, בלייך ווי לבנות.

מיר האָבן צוגעשפּיצט אויך
ביי יעדן דאָס באַגערן :
דו ווילסט די שאַנסאָנעטע
זאָל דיר, בלויז דיר געהערן ?

ניט פרעג קיין קשיות, נעם זי,
קענסט נעמען אויך א צווייטע,
זיי פּאַלן, רייפע פלוימען,
אין ארעמס אויסגעשפּרייטע.

נאָר בעסער ניט באַגערן,
ניט וועלן, ניט פאַרלאַנגען,
ווייל דער וואָס וויל, דער קען נאָך
דעם הימל אויך דערלאַנגען.

און קאַלט איז אינם הימל,
מען קען פאַרפראָרן ווערן.
דער שאַנסאָנעטעס מיילכל
איז וואַרעמער פון שטערן,

דער שאַנסאָנעטעס שמייכל,
ווען האַלב זיך אויגן שליסן. —
ווען פאַלן וועט דער פאָרהאַנג
קומט הינטער די קוליסן.

ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף זעט מען ווי אונטער אייכל און שיפּע זיבעלע האַלטן זיך איז איין קושן.

מלך הארץ

שאַ, שאַ, שאַ!
אוי, א קושעניש אַזאַ!

שיפּע זיבעלע

מיר קושן זיך ניט, מלך הארץ,
אַזוי זיך גלאַט פאַר פאַרגעניגן!
נאָר בלויז דערפאַר ווייל ס׳ווערט געשריבן
דערפון אין שיר השירים שוואַרץ
אויף ווייס. און ס׳ווילט זיך קריגן אַ באַגריף
ווי אמתדיק און טיף
מען האָט אַמאָל אין לאַנד ישראל
געקושט זיך און געהאַלזט זיך.

מלך הארץ

אַ טעמע פאַר זיין דאָקטאָראַט?

שיפּע זיבעלע

כמעט.

מלך הארץ

דער איינפאַל איז אינגאַנצן דיינער?

שיפּע זיבעלע

יאָ, מלך הארץ, אינגאַנצן מיינער.

מלך הארץ

איך האָב עס גלייך אליין פאַרשטאַנען.

שיפּע זיבעלע

איז עפּעס שלעכטס אין דעם פּאַראַגען?

מלך הארץ

חלילה, ניין, נאָר איז׳ן איז עס מלא חן.

אונטער איכל

נערוועז, ווי עס וואָלט אים געפאַלן שווער דאָס געשפרעך

וואָס הערט זיך דאָרט?

מלך הארץ

איך קום פון דאָרטן איצט צוגיין.

אַן אומגליק, אוי. נאָר זאָג, דו שרייבסט עס אין העברעאיש?

אונטער איכל

ניין.

מלך הארץ

אין אידיש?

אונטער איכל

ניין.

מלך הארץ

וואָס דען?

שיפּע זיבעלע

פאַרשטייט, אידעאיש

פאַרבונדן זיינען מיר מיט דער נביאים שפּראַך,

און ריידן רעדט מען אידיש, פּונקט ווי אַלע אידן.

נאָר דאָס מאָל ווילט זיך בלייבן אונז נייטראַל,

אַז אַלע זאָלן זיין פון ווערק צופרידן.
גערטראַכט, געטראַכט, און ס׳איז ביי אונז געבליבן
אין תרגום לשון זאָל עס אונטער אייכל שרייבן.

מלך הארץ

דער איינפאַל און דער „מיר" געפעלט מיר, שיפע זיבעלע,
נאָר הער שוין אויף, מען קען פון דיר אָן זייטן בלייבן,
און כ׳שטויס זיך אָן, דער איינפאַל איז ניט זיינער.

שיפע זיבעלע

ניין, מלך הארץ, אינגאנצן מיינער.

אונטער אייכל

איר קומט ערשט איצט פון דאָרט צוגיין?

מלך הארץ

אוי, קינדער, אוי, איז דאָרטן שלעכט.

אונטער אייכל

וואָס קומט דאָרט פאָר? איך הויב ניט אָן פאַרשטיין.

מלך הארץ

עס איז די אַלטע מעשה: סעקס, געשלעכט
און מערער נאָך: באַפלעקטע ערע
און טיפע חרפה. דרייצן וואָכן
איז פון דער חתונה פאַראיבער
און ס׳זעט דער פרינץ אויס אַלט און אָפגעקראָכן,
און קוקט אויף דיר מיט אויגן פוסטע, לערע,
אַז ס׳ווערט דאָס האַרץ אין דיר צעבראָכן!
און די פרינצעסין, פרעגט שוין בעסער ניט!

אונטער אייכל

דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז עפּעס איז ניט גלאַט,
און אויב עס איז קיין סוד ניט, זאָגט, וואָס איז געשען.

מלך הארץ גיט א וואונק, אז עס איז אים שווער צו ריידן ווען שיפע זיבעלע איז דאָ דערביי. אונ־טער אייכל נעמט זי אָן ביי דער האַנט און רעדט עפּעס צו איר, זי שטופּט אים אָפּ פון זיך.

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

אָ, ליבסטער, ליבסטער, ליבסטער,
דו ביסט אינגאַנצן בלינד!
און זעסט ניט, אַז שוין וואָכן
בין איך ניט מער אַ קינד!

כ׳בין זיבעצן געוואָרן,
און ווער באַלד אַכצן יאָר.
און זע, ווי די לבנה
קושט מײַנע פּיס און האָר!

געקושט פון דער לבנה,
געקושט, געהאַלדזט, געגלעט
ווערט בלויז א פרוי, וואָס האָט שוין
געטיילט אַמאָל איר בעט.

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

און קליינע מיידלעך?

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

מיידט די לבנה אויס.

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

און פאַרזעסענע?

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

קושט די לבנה די הענט.

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

וואָס רעדסטו?

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

איך רייד ניט. איך זינג.

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

איז דאָס אמת?

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

אַזוי גלויבן פרויען.

א ו נ ט ע ר   א י י כ ל

רבונו של עולם!

ש י פ ע   ז י ב ע ל ע

דאָס ווייסט איעדע פרוי און פילט עס אין איר בלוט.
האָסטו ביז איצט עס ניט געוואוסט? און אויב אַזוי
קען אויך אַמאָל פּאַסירן, אַז דו זאָלסט ניט וויסן
פאַרוואָס ווערט זויער מילך? פון היץ, א יאָ?
אָ, חכם גרויסער! זאָג שוין אויך פאַרוואָס
עס קנייטשן זאָקן זיך אויף פרויען פיס?

פ אַ ר פ אָ ס ע ר

זיידיק און גרין איז דאָס גראָז, וואָס איך טרעט,
און ווי דאָס וואָרט דיינס אַזוי איז עס פּילבאַר,
בלויז נאָר דער עפּלבוים הינטער מיין פּלייצע
שטייט א באַלאָדענער רואיק און שווייגט.

מ ל כ ה   פ י ק

ער שווייגט אַזוי ווי דו! אַז ווי איז צו דעם שווייגן!
אָט קוק איך איצט אויף דיר און ס'האַרץ פאַרגייט אין בלוט!
צו וואָס דאָס אַלץ, אָ, זאָג, צו וואָס! מיר לעבן
בלויז איינמאָל! און אזוי צעפּטרן
א לעבן, ווי מיר האָבן אונזערס, איז א שאָד!

דער פאַרפאָסער ענטפערט ניט און איז אזוי ווי ניט געריררט פון איר גאַנצן פלוצימדיקן אויסברוך. מלכה פיק פירט מיט די הענט איבער זיין פנים און זיי גייען שווייגנדיק צו דעם פּלאַץ וואו עס געפינען זיך אונטער אייכל, שיפע זיבעלע און מלך הארץ. באַגריסן זיך מיט אלעמען און פארפירן א געשפרעך מיט מלך האַרץ.

א ו נ ט ע ר   א י י כ ל

שיפע זיבעלע.

ש י פ ע   ז י ב ע ל ע

וואָס ווילסטו?

א ו נ ט ע ר   א י י כ ל

פאַרוואָס ווערט זויער מילך?

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

איך ווייס ניט.

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

דו ווייסט יאָ.

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

הער אויף! גענוג! און איצטער, מלך הארץ,
הויבט אָן און זאָגט אַלץ וואָס עס האָט
פּאַסירט מיט אונזער פּרינץ און דער פּרינצעסין,
און ציט דעם מאַרך ניט פון די ביינער!

מ ל ך ה א ר ץ

נאָך דרייצן וואָכן נאָך דער חופּה
איז די פּרינצעסין אַלץ א מיידל.
דאָס איז דער אומגליק. און איך גלויב,
אַז כ׳האָב עס קאָנדענסירט גענוג.

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

וואָס מיינט דאָס?

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

אָ לאָז צו רו שוין!

מ ל ך ה א ר ץ

ס׳איז די פּרינצעסין נאָך א מיידל,
און ס׳גייט אַרום דער פּרינץ דערשלאָגן
און קען קיין אָרט זיך ניט געפינען.
און די פּרינצעסין, זי האָט מורא
צו קוקן גלייך אים אין די אויגן,
אַזוי ווי ס׳וואָלט געווען איר שולד.

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

ווי אַנדערש, ווען עס קען עס זיין!

מ ל כ ה פ י ק

גערירט כמעט ביז טרערן

דו ביסט אַ קינד נאָך, שיפּע זיבן,
דו דאַרפסט א קוק נאָר טאָן אויף זיי

וועסטו דערפילן, ס'איז ניט קיינעמס שולד.
דערציילט זיי, מלך הארץ, דערציילט זיי,
און, שיפעלע, ס'וועט דיר ניט שאַטן
צו וויסן עפּעס מער פון לעבן.

אונטער אייכל

און ווי האָט איר עס אויסגעפונען?

מלך הארץ

דו מיינסט דעם אומגליק? גאָר צום ערשטן
געשטיקט זיך האָבן זיי אין זייער צער,
קיין וואָרט פון מויל איז ניט געקומען,
געפּרוואווט אמאָל א שמייכל געבן
און אונז צוביסלעך אויסגעמיטן.
ס'האָט יעדערער פון אונז געפילט,
אַז עפּעס איז אַן אומגליק דאָ,
נאָר וואָס, האָט קיינער ניט געוואוסט,
ביז מלכה פיק מיט האַלבע ווערטער
געגעבן האָט מיר אָנצוהערן
וואָס זי פאַרדעכטיגט. כ'בין אַוועק,
און איך האָב צו דעם פּרינץ געזאָגט:
איך ווייס עס איז אַן אומגליק דאָ,
און ניט נאָר איך, עס פילט דאָס יעדער.
נאָר קיינער ווייסט ניט וואָס דאָס איז,
בין איך אַצינד צו דיר געקומען
און וויל דעם גאַנצן אמת וויסן,
און כ'מיין, איך בין דערצו באַרעכטיקט.
ער האָט קיין רגע ניט געוואַרט
און קוקנדיק מיר אין די אויגן
האָט ער פאַר מיר זיין האַרץ געעפנט
מיט ווערטער קלאָרע, ווי דיין האַרץ.

א גלעט טוענדיק אונטער אייכלס אַקסל

אָט האָט איר עס: די חופּה נאַכט.
איין האַנט א צווייטע האָט געפונען,
אָט גיט זיין האַנט אַ גלעט איר קאָפּ,
און אָטאָ, דאַכט זיך, וועלן באַלד

צוויי מיילער זיך צוזאַמענטרעפן.
נאָר אָט דערהערט זיך א געשריי,
פאַרשטיקט, ניט קלאָר און אָפּגעהאַקט,
און איינער שפּרינגט פון צווייטן אָפּ
מיט אויגן אויפגעריסענע,
מיט קאַלטן שווייס באַדעקט אינגאַנצן.
און קיינער פרעגט ניט, וואָס דאָס איז,
ווייל ביידע פילן זיי: אַן אומגליק!
דאָס קול ווערט שטיל, און די פּרינצעסין
דערנענטערט ווידער זיך צום פּרינץ.
אָט רירט זי אָן זיין האַנט, און ווידער
איז זי שוין אין א צווייטן ווינקל!
ווייל אין דער רגע, ווען איר האַנט
האָט לייכט געוואָלט זיין קאָפּ באַרירן,
האָט אין דעם צימער פון דאָס ניי
זיך דורכגעשלאָגן דאָס געשריי
און אויפגעריסן זיי די אויגן,
און זיי באַדעקט מיט קאַלטן שווייס.

איינציענדיק שטאַרקער דעם רויך פון פּאַפּיראָס און קוקנדיק ווייט פאַר זיך

און פונקט ווי אין דער חופּה נאַכט
געשעט דאָס זעלבע יעדן אָוונט
ווי נאָר ער נעמט איר אָן די האַנט,
ווי נאָר זי נעמט דעם קאָפּ אים גלעטן.
און ווי איר ווייסט, שוין דרייצן וואָכן
איז פון דער חתונה פאַראיבער.

מלכה פּיק

מען זעט זי ניט, אָבער לויט איר שטימע קען מען פילן אַז זי איז דאָ דערביי

די מלכה האָט געלאָזט דעם שלעפּ דעם לאַנגן פאַלן,
דעם קאָפּ נאָר אויפגעהויבן איבער אַלע קעפּ.
ווי ווערטער פאַרבלאָנזשעטע, טויזנט וואַסאַלן
גייען שווייגנדיק מיט איר אַראָפּ די טרעפּ.

אַנטקעגן איר דער פּאַזש איז אָנגעקומען
און אָפּגעשטעלט זיך. גרייט צום וועג.
ער האָט אין דעם בליק פון דער מלכּה פאַרנומען,
אַז אים איז באַשערט איצט צעטראָגן,
דורך בערג און דורך טאָלן צעטראָגן
די פינצטערע בשורה פון טויט.

די מלכּה האָט איר טראָט א ווייל פאַרהאַלטן, —
עס ווערן וואַך די חושים פונם פּאַזש,
ער האָט אין דעם גוף פון דער מלכּה פאַרנומען
אַז אים איז באַשערט איצט צעטראָגן,
דורך בערג און דורך טאָלן צעטראָגן
די ליכטיקע בשורה פון פרייד.

פ אַ ר פ אַ ס ע ר

דו ביסט דער פּאַזש און איך בין דאָס די מלכּה.

מ ל כּ ה פ י ק

איך קלאָג זיך ניט. איך זאָג נאָר ווי עס איז.

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

אָ, גאָט, ווי האַלט עס אויס דער פּרינץ!

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

און די פּרינצעסין אַרט דיך ניט?

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

ביסט אפשר אייפערזיכטיק, זאָג!

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

קוקנדיק צו דער ערד

איך וועל אים נאָך אַמאָל דערשיסן!

צו מלך הארץ

פון וואַנען טראָגט זיך דאָס געשריי?

מ ל ך ה א ר ץ

אָט דאָס איז וואָס מיר ווילן וויסן
און וואָס מיר ווילן אויסגעפינען.

אַט קומט עס ווי פון ווינקל צימער,
ווי פון דער וואַנט אַראָפּ, צי גאָר
ווי ס׳וואָלט געקומען דורכן פענצטער.
און איר פאַרשטייט דאָך, אויסער זיי
איז קיינער אין דער שטוב ניטאָ
און ניט אין א דערבייאיק צימער,
און אויך ניט דרויסן פאַרן פענצטער.

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

בלויז א געשריי און גאָרניט מער ?

מ ל ך ה א ר ץ

אין אָנהויב האָט זיך אויסגעדאַכט,
אמווייניקסטנס, אזוי דעם פרינץ
און, ס׳דאַכט זיך מיר, אויך דער פרינצעסין,
נאָר איך האָב פון דער ערשטער רגע
אין דעם פאַרשטיקטן אויסגעשריי
דערפילט אויך קלאָר א וואָרט צי צוויי.
איצט איז עס מער ניט א געשריי,
איצט הערט מען קלאָרע ווערטער שוין,
מען הערט, למשל : „ניין, אוי, ניין !“
מען הערט אויך קלאָר : „זי איז דיין שוועסטער.“
פון נעכטן הערט זיך דייטלעך אויך :
„אוי, ניין, אוי, ניין ! ע ר איז דיין ברודער !“

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

ווי לאַנג ווייסט איר שוין פון דעם אלעם ?

מ ל ך ה א ר ץ

די עלפטע וואָך. און ניט נאָר איך,
עס ווייסט דאָס גאַנצע הויזגעזינט,
בלויז איר אליין נאָר ווייסט פון גאָרניט.
עס איז קיין וואונדער ניט, איר זייט
פארנומען דאָך מיט תרגום לשון.
וואָס איז דאָס פאַר א משוגעת ?

א ו נ ט ע ר   א י י כ ל

דאָס איז איר איינפאַל, מלך הארץ.
איז אַמביציעז, און וויל איר מאַן
זאָל עפּעס זיין, און ווייל זי האָט
אַ פּראַקטישן, געזונטן חוש,
האָט זי פאַרשטאַנען, אַז עס איז
די לייכסטע און די גלייכסטע זאַך,
אַז דער, וואָס זי וויל פאַר אַ מאַן,
זאָל נעמען זיך פאַר שרייבעריי,
וואָס יעדער איינער קען עס טאָן.

מ ל ך   ה א ר ץ

צו וואָס נאָך דאַרף זי תרגום לשון ?

א ו נ ט ע ר   א י י כ ל

דאָס איז איר איבערשפּיצטער מוח.
זי וויל דערפאָלג, און איז ניט זיכער,
אַז אויב איך זאָל דאָס בוך שוין שרייבן,
צי וועט עס מאַכן א פוראָר,
האָט זי פאַרזיכערט זיך פאָראויס :
צי יאָ דערפאָלג צי ניט דערפאָלג,
נאָר א סענסאציע מוז עס זיין.
צום ערשטן, די פּיקאַנטע טעמע,
נאָר דאָס איז ווייניק נאָך פאר איר,
האָט זי פאַרטראַכט דעם תרגום לשון.
איצט איז זי זיכער שוין, מען וועט
א וואו זי זאָל זיך ניט באַווייזן,
מיט אויגן, נייגעריק, באַגלייטן :
דעם תרגום לשון שרייבערס ווייב.

עס לאַכן און פרייען זיך דער פּרינץ, די פּרינצעסין, דער דירעקטאָר, מלכה פּיק, מלך הארץ, דער פאַרפאַסער און מער פון אלעם שיפּע זיבעלע. זי קוליעט זיך דריי מאָל איבער און לאָזט זיך מיט אונטער אייכל אין אַ טאַנץ, האַלטנדיק דאָס קליידל הויך איבער די קני.

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

אָט בין איך פריילעך,
אָט נעם איך וויינען, —
שיפּעלע זיבן,
וואָס קען דאָס מיינען ?

וואָס קען דאָס מיינען,
כ׳קען ניט באַגרייפן, —
ס׳דריקן דאָס האַרץ מיינס
אייזערנע רייפן.

ש י פּ ע ז י ב ע ל ע

אונטערל אייכל,
ווייס, אז די סיבה
פון אָט דעם אלעם
איז דאָך די ליבע !

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

אויב כ׳בין פאַרליבט שוין,
זאָג כאָטש, אין ועמען ?

ש י פּ ע ז י ב ע ל ע

כ׳וואָלט עס דיר זאָגן,
טו איך זיך שעמען.

ער ווייזט איר אָן אויף זיין אויער, זי גיט א וואונק, אַז יאָ. ווען זי נעמט צובויגן איר מויל צו זיין אויער, גיט ער אויף גיך א דריי אום זיין קאָפּ און זייערע ליפּן טרעפן זיך צוזאַמען. זיי שפּרינגען אָפּ, הויבן אָן טאַנצן, און קוליען זיך איבער צענדליקער מאָל אין דער צייט ווען די אַרומיקע האַלטן אונטער דעם מאָטיוו.

ש י פּ ע ז י ב ע ל ע

האָסט שטאַרק מיך, אונטער אייכל, ליב ?

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

כ׳האָב אויך אזוי געמיינט, נאָר איצטער
שוין פיל איך, ווי איך קריג דיך פיינט.

שיפע זיבעלע

רעדסט איין זיך פויגעלעך אין בוזעם,
האָסט שטאַרק מיך, אונטער אייכל, ליב.
איך פיל עס אין דער לופט ארום,
און ווי דו רעדסט די ווערטער אויס,
און ווי דו קוקסט אויף מיינע ליפּן.

אונטער אייכל

אָ, טיף געררוזשטע ליפּן,
קוים־קוים, קוים־קוים פאַרמאַכט,
איך פיל, פון מיינע ריפּן
ווערט איצט א פרוי געמאַכט.

שיפע זיבעלע

דער שניט איז שטאַרק־טוטווייאיק,
און ס'איז א שאָד אַ ריפּ?

אונטער אייכל

דער פיין, ער איז פאַרגייאיק,
דער שניט איז לייכט און ליב.

קושן זיך ווידער און ווידער, טאַנצן און קוליען זיך. פון דער זייט באַווייזן זיך קאַלאָמבינע, פּיעראָ און ארלעקין. דער דירעקטאָר גייט צו צו זיי. קאַלאָמבינע דערלאַנגט אים א בריוו. אלעמענס אויגן געווענדט צו אים און צו די געסט.

דירעקטאָר

אַ בריוו אַדרעסירט צו שרה בת טובים.

מלך הארץ

צו די אָנגעקומענע

די דאַמע צו וועמען דער בריוו איז אַדרעסירט וועט קומען פּונקט צו דער שטונדע. איר וועט דאַרפן וואַרטן א צוויי מינוט. דערווייל פאַרברענגט מיט אונז.

מלכה פּיק

שרה בת טובים קומט?

מ ל ך ה א ר ץ

דאָס האָב איך זי ארויסגערופן. אַביסל זיך פאַרבענקט נאָך איר און דערצו געוואָלט, זי זאָל אונז העלפן ארויספּלאָנטערן זיך פון דער צרה. געזאָלט קומען נאָך אין דער פרי, האָט אָבער פאַרשפּעטיקט די באַן און האָט מיר טעלעפאָנירט אז זי קומט מיט אן עראָפּלאַן. יעדע רגע דאַרף זי אָנקומען.

ד י ר ע ק ט אָ ר

מיט א וואונק אויף פּיערא, אַרלעקין און קאָלאָמ־בינע

וואָס דאַרף זי זיי?

מ ל כ ה פּ י ק

איך ווייס?

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

אָט קומט זי!

דער עראָפּלאַן איז שוין כמעט אויף דער ערד

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

שיפּעלע.

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

וואָס איז?

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

פאַרוואָס ווערט זויער...

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

מילך? איך ווייס ניט!

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

דו ווייסט יאָ. זאָג!

ש י פ ע   ז י ב ע ל ע

קושנדיק זיין באַק

כ׳וועל עס דיר זאָגן אין צווייטן אַקט.

א ו נ ט ע ר   א י י כ ל

יאָ? ווערסטו מיר אויך זאָגן, פאַרוואָס קנייטשן זיך זאָקן אויף ווייבערשע פיס?

ש י פ ע   ז י ב ע ל ע

ניין, דו ווילסט שוין צופיל וויסן!

לייגט צו אויף א רגע איר פנים צו זיינעם און לאָזט זיך לויפן צום עראָפּלאַן.

פ ר י נ צ ע ס י ן

האָסט באמערקט ווי מלך הארץ האָט געהאלטן אין איין קוקן אויפן זייגער די לעצטע האַלבע שעה?

פ ר י נ ץ

איז וואָס?

פ ר י נ צ ע ס י ן

פאַרליבט אין שרה בת טובים?

פ ר י נ ץ

בענקט, ווי אַלע מענער. אַן אַלטע מענערשע קראַנקייט.

אלע כאַפּן זיך ארום מיט שרה בת טובים, וואָס גייט ארויס פון עראָפּלאַן האַלטנדיק איר האַנט אויף דער פּלייצע פון א פּולבלוטיקן נעגער, איר פּילאָט. הויך, א פיינע פיגור, אָבער אזוי שוואַרץ און מיט אזוינע געקרייזלטע האָר, ברייטע נאָז און ליפּן ווי נעגערס אין א וואָדעוויל פאָרשטעלונג.

ש ר ה   ב ת   ט ו ב י ם

שוין לאַנג געוואָלט קומען, אָבער עס האָט זיך אלץ ניט געמאכט. געווען פארנומען מיט ארויסקריגן אַ גט פון מיין מאַן. אָבער ווען

איך האָב געקראָגן מלך הארצס בריוו, האָב איך מער ניט געקענט אָפּלייגן. און אָטאָ בין איך! און איך וויל אייך גלייך זאָגן, אַז איך ווייס אַלץ, א סך מער ווי איר קענט זיך פאָרשטעלן, און איך האָף, אַז אַלץ וועט זיך אויסלאָזן צום גוטן.

מלכה פיק

דו וועסט דאָך זיכער בלייבן איבער יום טוב.

שרה בת טובים

ניין, איך קען ניט. בלויז פינף טעג פאַרבלייב איך מיט אייך. און איצט אַנטשולדיקט, לאָזט מיך א ווייל מיט מלך הארץ. איך מוז עפּעס מיט אים איבעררײדן.

נעמענדיק אים אונטערן אָרעם און אָפּגייענדיק מיט אים אָן אַ זייט

פאַרוואָס האָסטו מיר ניט געענטפערט
אויף אלע מיינע בריוו? איך מיין
איך האָב א רעכט דיר דאָס צו פרעגן.

מלך הארץ קוקנדיק איר גלייך אין די אויגן וויל עפּעס זאָגן, נאָר קען ניט, גיט אַ מאַך מיט דער האַנט און בלייבט שטיל.

פאַרוואָס האָסטו מיר ניט געענטפערט?

מלך הארץ

איך קען ניט ענטפערן אויף דעם,
מיר פעלן פּשוט אויס די ווערטער.

שרה בת טובים

דיין אויער, א טיר א פאַרמאַכטע
פאַר אַלע, צי בלויז נאָר פאַר מיר?

מלך הארץ

מיין אויער א טיר א פאַרמאַכטע
פאַר אַלע צי בלויז נאָר פאר דיר?
ניט פּטר אומזיסט מעטאפארן,
פאַרגלייכונגען לאָז אויך צו רו.
רייד פּשוט, וואָס מיינסטו? רייד! נו?

שרה בת טובים

איך פיל זיך אַזוי ווי פֿאַרלאָרן,
ווען דו מיט א פּראַקטיקער לאָגיק
נעמסט זאַכן, וואָס זיינען ניטדאָאיק
און לייגסט אויף דער פּלאַך פון דער האַנט!

מלך הארץ

מיר זיינען שוין ביידע אַריבער
פון יוגנט דעם ברויזנדן ראַנד,
ווען שוויגן ווערט נעענטער, ליבער.

שרה בת טובים

פֿאַרוואָס האָסטו מיר ניט געענטפערט?

מלך הארץ

פילנדיק די ווארעמקייט פון איר קול, באַווייזט זיך
אַ שמייכל אויף זיין באַזאָרגט פּנים.

כ׳בין ניט באַרעדעוודיק. מיר פעלן
אין מויל אויס ווערטער ווען איך דאַרף
דערציילן וואָס איך פיל. אָט זעסט דאָך,
איך שטאַמל איצט. און ווען עס קומט
צו פען און טינט, בין איך פֿאַרלאָרן.
דערצו די נייע אָרטאָגראַפיע
דערפירט מיך פשוט צו פֿאַרצווייפלונג!
און ענטפערן אויף דיינע בריוו,
געשריבן אויף א שרייב מאַשין
מיט איינפאַל, וויצן און עספּרי,
באמת איז געווען אוממעגלעך!

שרה בת טובים

לאַכנדיק

דו האַלט דיין האַנט אַרום מיין טאַליע
אַביסל שטייפער. יאָ, אזוי.
עס זאָגט דאָס האַרץ מיר, דיינע פינגער
זיי ריידן קלאָרער פון דיין מויל.

אלע כאַפּן זיך ווידער ארום מיט שרה בת טובים.
מען באַשיט זי מיט פראַגן.

שרה בת טובים

געוויס, איך וועל אייך אַלץ דערציילן,
נאָר כ׳דאַרף באַזאָרגן קליינעקייטן.

צו קאַלאָמבינע, פּיעראָ, ארלעקין

איר קענט דאָ בלייבן, אויב איר ווילט,
און אויב איר ווילט, גייט אין דעם פּאַלאַץ,
ס׳איז צוגעגרייט פאַר אייך דאָס צימער
און עסן וועט מען אייך סערווירן.
פאַרגעסט נאָר ניט צו זיין אין צייט:
איר טרעט אויף אָנפאַנג צווייטן אַקט.

צום דינער

אייברעהעם לינקאָלן וואַשינגטאָן,
עס וועט דיר אונטער אייכל ווייזן
די דירה מיינע. פּאַק די זאַכן אויס,
צעשטעל, צעהענג און מאַך זיך היימיש.

מלך הארץ

און ביי דער דינערשאַפט איז אויך
אַ צימער אָנגעגרייט פאַר אים.

שרה בת טובים

ער דאַרף עס ניט, ער וועט געפינען
אַ פּלאַץ ביי מיר אַוואו צו שלאָפן.
כ׳האָב לעצטנס מורא זיין אליין.

מלך הארץ

וואָלט אפשר בעסער זיין אַ מיידל?

שרה בת טובים

אַלץ אין דער וועלט, נאָר ניט אַ פרוי!
כ׳גיי נעגליזשע אַרום אין הויז,
און אָפטמאָל האָב איך ליב אַרומגיין
אין גאַנצן נאַקעט אין דער שטוב.
אַ פרוי אַרום? דאָס איז אוממעגלעך!
איך וואָלט זיך שטאַרק געשעמט פאַר איר.

אַ מאַן, איר ווייסט דאָך, איז וואָס אנדערש, —
ווער קוקט זיך אום דאָס אויף אַ מאַן!

שיפֿע זיבעלע שטייט און ציטערט, מלכּה פּיק פֿאַר-
ציט שטאַרקער דעם פּאַפּיראָס, שמייכלט, די איבע-
ריקע זיינען גלייכגילטיק און מלך הארץ איז בלייך
ווי א ליילעך.

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

געשעפֿטסמעסיק

איצט וויל איך, אַז איר זאָלט מיר, פּרינץ,
דערציילן, אויב עס איז נאָר מעגלעך,
אַלץ וואָס איר ווייסט פֿון אייער פֿאָטער.

פּ ר י נ ץ

וואָס ווייס איך פֿון מיין פֿאָטערס לעבן?
איך ווייס ניט פֿיל, דאָס ווייס איך נאָר,
אויף אַלע פֿרויען האָט מיין פֿאָטער
געקוקט בלויז ווי אויף פּאָרצעליי,
און א פֿאַרליבטער אינגלינג שטענדיק
געשטאַנען איז ער פֿאַר מיין מוטער.

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

זייט איר אין דעם באמת זיכער?

פּ ר י נ ץ

אַזוי האָט מיר געזאָגט מיין מאַמע,
און יעדער איינער זאָגט אַזוי.

מ ל ך ה א ר ץ

ווי זיך, האָב איך געקענט דעם פּרינץ,
און אפשר נאָך אביסל בעסער,
און כ׳ווייס אַזוי איז דאָס געווען.

פּ ר י נ צ ע ס י ן

מיין מאַמע האָט מיר אויך געזאָגט

שרה בת טובים

פול מיט אַ פרייִדיקער איבעראַשונג

וואָס האָט די מאַמע איך געזאָגט ?
און ווען ? ביי וועלכן צופאַל ? זאָגט מיר !

פּרינצעסין

מיט זיבן יאָר צוריק, צי אַכט,
באַלד האַלבע נאַכט עס האָט נאָר וואָס
דער לעצטער גאַסט דאָס הויז פאַרלאָזן,
שוין לעשט מען אויס דעם לעצטן לאָמפּ.
די מאַמע קוקט א ווייל אויף מיר
און, דאַכט זיך, זאָגט : ביסט פּופצן יאָר
געוואָרן, גרויסע טאָכטער מיינע,
און אין א יאָר, אין צוויי, צי דריי
וועסטו שוין אין שידוכים שטיין.
זי קוקט אויף מיר און קוקט און זאָגט :
אויב איך בין עפּעס ווערט ביי גאָט
זאָל מיר באשערט זיין, אַז דיין מאַן
זאָל ענלעך זיין צו אונזער פּרינץ.
איך מיין ניט שטאַנד און אויך ניט שיינקייט,
דאָס זיינען זאַכן וואָס פאַרשווינדן !
ער מעג זיין אָרעם און אויך מיאוס
נאָר זיין זאָל ער געטריי ווי ס׳איז
געוועזן אונזער גרויסער פּרינץ.
און איך געדיינק, ווי ס׳האָט מיין מוטער
גערעדט מיט ליבע און פארערונג
פון אונזער פּרינץ און דער פּרינצעסין,
און שטיל געוויינט, וואָס יונג אַזוי
זיי זיינען פון דער וועלט אוועק.
וואַרט צו אַ ווייל, כ׳האָב זיך דערמאָנט
געני, וואָס זי האָט מיר געזאָגט :
„דער פּרינץ איז אין דעם לעבן זיינעם
געוועזן אויפמערקזאָם צו פרויען,
געקוקט מיט ליבע האָט ער בלויז
נאָר אויף אן איינציקער — זיין פרוי !״

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

איצט זעצט זיך צו צו מיר, און הערט
וואָס איך האָב אייך אצינד צו זאָגן:
פון אַלעם, וואָס מיר ווייסן איז
פאַר יעדן איינעם איצטער קלאָר
ווי ס'האָט דער פרינץ זיך אויפגעפירט.
און איצט, פרינצעסין, הערט זיך איין,
מיר ווייסן אַלע, אייער מוטער
איז די פאַרקערפערונג פון טוגענט,
און ס'איז קיין סוד פאַר קיינעם ניט:
איר אומפאַרגלייכבארן דערפאָלג
אלס טענצערין איז צו פאַרדאַנקען
ניט אירע פיס, נאָר דאָס וואָס זי
איז אַ געטרייע ווייב. און שטענדיק
ווערט זי דאָך רעקלאַמירט אַזוי:
„די ניט געקושטע באַלערינע",
און ווייל דאָס קלינגט אזוי אומגלויבלעך,
איז זי א שטענדיקע סענסאציע
און פילט אָן אויך דעם גרעסטן זאַל.
מיר, אָבער, ווייסן דאָס איז אמת. —
טאָ איצט דערקלערט מיר ווי אַזוי
זיך פאָרט דאָס אלעס מיט דעם פאַקט,
אַז זי געלעבט האָט מיט דעם פרינץ
און האָט אַ קינד פון אים געבאָרן?

פ ר י נ ץ

וואָס פלוידערט איר?

פ ר י נ צ ע ס י ן

וואָס איז מיט אייך?

ד י ר ע ק ט אָ ר

הערט אויף צו פייניקן!

מ ל ך ה א ר ץ

געַנוג!

פרינצעסין

רייִדנדיק אַזוי ווי צו זיך אַליין

מיין מאַמע האָט געהאַט א קינד
פון פרינץ. דאָס איז, זאָגט איר, אַ פאַקט.
טאָ זאָגט שוין מיר, וואו איז דאָס קינד?

שרה בת טובים

דאָס קינד האָט נאָר וואָס איצט גערעדט.

פרינצעסין וויל עפּעס זאָגן, קען ניט, און כאַפּט זיך אָן פאַרן קאָפּ. אַלע אין א פאַרצווייפלטער אויפרעגונג.

שרה בת טובים

ניין, כאַפּט זיך מער ניט פאַרן קאָפּ,
נאָר קוקט די פאַקטן אין די אויגן.
מיר אַלע קענען אייער מאַמע,
און אַלע מיר געדיינקען אויך
די שוויגער אייערע, פרינצעסין.
פון דעם איז קלאָר, דער פרינץ און איר
געהאַט האָט יעדערער אַ מאַמע.
די פראַגע איז נאָר פון צ ו ו י י טאַטעס,
און דאָס איז שוין אַן אַנדער פראַגע,
דאָ איז מען שוין ניט אַזוי זיכער.

מלכה פיק

און קינדער פון איין טאַטע אויך
פאַררעכנט ווערן ברידער־שוועסטער.

פרינץ און פרינצעסין ווערן שרעקלעך אומרואיק, נערוועז און ציטערן פון אויפרעגונג.

שרה בת טובים

נאָר אָן היסטעריע! לאָמיר רואיק
דערפירן אַלעס צו א פונקט.
דער טאַטע אייערער, פרינצעסין
האָט אין זיין לעבן קיינמאָל ניט

באַגעגנט זיך מיט אייער שוויגער,
און פון דער צווייטער זייט, באַוואוסט
איז יעדן איינעם, אייער מוטער
האָט אָפט זיך מיטן פּרינץ באַגעגנט.

ש ט י מ ע ן

איז וואָס?

איז וואָס?

נו, טאַקע, וואָס?

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

און איצטער קומט זי און זי זאָגט,
אַז איר זייטביידע ברידער־שוועסטער.

פּ ר י נ צ ע ס י ן

דאָס האָט מיין מאַמע אייך געזאָגט?

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

ניט מיט איר מויל, נאָר מיט איר שטימע.

פּ ר י נ צ ע ס י ן

וואו איז מיין מאַמע איצט?

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

זי איז
אין מיטן ים.

פּ ר י נ צ ע ס י ן

טאָ ווי אַזוי
האָט איר געקענט איר שטימע הערן?

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

און ניט נאָר איך, נאָר דו און אַלע,
איר אַלע האָט געהערט איר שטימע,

ווייל יענע שטימע, וואָס איר הערט
ביי זיך אין שטוב: „ער איז דיין ברודער!
אָ, ניין! אָ, ניין! זי איז דיין שוועסטער״,
דאָס איז די שטימע פון דיין מוטער.

פרינצעסין

מיין מאַמע איז דאָך דאָ ניטאָ!

שרה בת טובים

דאָס ווייס איך פונקט אַזוי ווי דו,
און דאָך די שטימע איז דיין מוטערס.

דירעקטאָר

און איר ווילט זאָגן, אַז איר מוטער,
די ריינע הייליקע צנועה,
„די ניט געקושטע באַלערינע״
געלעבט האָט מיט דעם פרינץ, וואָס איז
געווען אָפּגעשיידט פון פרויען?

שרה בת טובים

איך זאָג עס ניט, דאָס זאָגט איר שטימע!
און זי דאַרף וויסן מער פון אונז!

מלך הארץ

ווי קען זי ריידן, ווען זי איז ניטאָ!

שרה בת טובים

דאָס ווייס איך ניט, נאָר זיכער בין איך
דאָס איז איר שטימע. דורכן טעלעפאָן,
ווען כ׳האָב מיט מלך הארץ גערעדט,
האָב איך זיך איינגעהערט צום קול,
און גלייך דערקענט עס. כ׳ווייס עס לייגט זיך
ניט אויפן זינען, אָבער וואָס,
וואָס אַנדערש קען עס זיין? און אפשר
האָט איר א בעסערע דערקלערונג

ווי די וואָס איך האָב, אַז דאָס איז
די ווידוי פון א פרוי, וואָס איינמאָל
ניט ווילנדיק האָט אויסגעגליטשט זיך,
און שרייט אין אַנגסט צו אונז אַהער
פון ווייטע שטורעמדיקע יאַמען,
כדי צו פאַרהיטן פון אַן אומגליק
וואָס איז נאָך גרעסער פון איר זינד!

ווען שרה בת טובים האָט געהאַלטן אין פאַרענדיקן אירע לעצטע ווערטער, האָבן איינער נאָך דעם צווייטן אויף דער בינע אָנגעהויבן חלשן, עס קומען צולויפן אייברעהעם לינקאָלן וואַשינגטאָן, פּיעראָ, ארלעקין, קאָלאָמבינע און חלשן, עס חלשט שרה בת טובים, דער אָרקעסטער, דער כאָר און דער באַלעט, אַלע חלשן, אויסער דעם פּאַרפאַסער, וואָס קען עס ניט, ווייל מלכה פּיק האָט געחלשט אין זיינע אָרעמס און ער מוז זי אונטערהאַלטן.

דער פאָרהאַנג פאַלט אונטער שטורמישע אַפּלאָדיס-מענטן. ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך ווידער אויף שטייען שוין אַלע אויף די פיס און האַלטן זיך אין איין פאַרנויגן, אויסער דעם פאַרפאַסער, וואָס ליגט א פאַרחלשטער ערגעץ אין א ווינקל פון דער בינע.

צווייטער אַקט

דער זאַל נעמט טונקל ווערן. יעדער איילט
וואָס גיכער צו זיין פּלאַץ. אַ לייכט געראַוויש
געמישט מיט אַ געלעכטער טראָגט זיך אום.
מען רעדט, מען שפּאַסט, און וואָס א רגע ווערט
נאָך פינצטערער, און אַט איז פינצטער שוין.
און ווען די ראַמפּע וואַרפט איר שיין,
דערזעט מען פאַר דעם פאָרהאַנג מלכה פיק
און דעם פאַרפאַסער שטייענדיק פאַרטראַכט,
ווי ניט באַמערקנדיק, וואָס דאָ קומט פאָר.

„צי האָסטו ניט אַמאָל צופיל געדולד
מיט אַט די לייט? — האָט מלכה פיק געזאָגט. —
עס וואָלט ניט שאַדן, דאַכט זיך מיר, ווען דו
וואָלסט מיט אַ וואָרט זיי וויזן זייער אָרט
און פּלאַץ. און דו בלויז שמייכלסט.“

ס'האָט איר האַנט

אַ גלעט געטאָן זיין פּנים, און געקוקט
האָט זי אויף אים מיט אירע ווייסע ציין
און האַלב פאַרשנירטע אויגן. טרויעריק
געוועזן איז איר האָב און גוטס: איר לייב.
און זיינער? פּונקט ווי אַלעמאָל. און ער
האָט לייכט א צי געטאָן צו זיך איר קאָפּ,
פאַרוואָרפן אָן א זייט, און מיט זיין צונג
אַ פיר געטאָן דורך אירע ליפּן גיך.
עס האָבן דעמאָלט זיך געעפנט ברייט

די אויגן אירע, און א זעטיקייט
האָט זיך באַזעצט אין ווינקלען פון איר מויל.
און ווארעם שטייט זי נעבן אים, ווען ער
(פאַרטראַכט און טרויעריק) איר פנים גלעט.
ער זאָגט:

„ווער דאַרף עס האָבן, זאָג, צו וואָס?
איך ווייס אליין ניט צי איך וויל עס טאָן.
עס איז איצט אין דער מאָדע ווילצלען זיך
אויף דעם, וואָס איז אַלטמאָדיש, און די קונסט,
יאָ, קונסט פאר קונסט איז פאר בטלנים בלויז".

זי שנירט די אויגן ווידער איין און זאָגט:
„און דו האָסט מורא זיין א בטלן, יאָ?"

די פינגער אירע פירט זי דורך זיין האַנט,
זי ווייסט: עס שטראָמט אצינד פון איר דאָס בלוט
און פליסט אין אים אריין. ער ווייסט עס ניט.
פאַרנעבלט איז זיין פנים און זיין קול:

„יאָ, קונסט פאר קונסט, דאָס איז דער אַלטער קרייז,
ער שטייט אין מיטן פון דער וועלט."

ער זאָגט
איר אויך, אַז גרייכן קען אים יעדע האַנט,
נאָר זעלטן שטרעקט זיך אויס צו אים אַ האַנט,
און רואיק שטייט דער אַלטער קרייז און וואַרט.
עס טרעפט אַמאָל זיך, איינער הויבט אים אויף
און לאָזט זיך מיט אים גיין. ער גייט ניט ווייט.
ס'איז שווער דער קרייז און שווער געקרייציקט זיין,
ווען קיינער שטייט ניט און באַוואונדערט דיך.

דער עולם שמייכלט קוקנדיק אויף זיי.
זיי שטייען ווייטער זיך, ווי גאָרניט ניט,

און ווען צום פּאַרהאַנג דרייען זיי זיך אום,
ארויפגעצויגן איז דער פּאַרהאַנג שוין.

זיי מישן זיך אוים מיט די אַרומיקע אויף דער בינע. אין אַ ווינקל זיצן טביה דער מילכיקער און מנחם מענדל, קנאַקן סעמעטשקעס און זיינען פאַרטיפט אין א שמועס.

אייבערהעם לינקאָלן וואַשינגטאָן

אין דער פינצטער זיינען דיינע אויגן שענער,
און עס ווייט פון דיר אזויפיל פרייד און רו.
אין דער פינצטער איז דיין קליינער פוס נאָך קלענער,
ציטעריקער, בויגזאַמער ביסטו!

אין דער פינצטער קלינגט דיין ווייכע שטימע ווייכער,
דרינגט אין האַרץ אריין און זאָגט אַזויפיל צו.
דיינע בלייכע פינגער ווערן לענגער, בלייכער,
ציטעריקער, בויגזאַמער ביסטו!

מלכה פיק

מען זינגט שוין דאָ א שעה צי מערער,
וואָס פאר א זין האָט דער קאָנצערט?
אויב ס'איז געמיינט פאר אונזערט וועגן,
פאַרשאַפן פרייד אונז, פאַרגעניגן,
איז אפשר ניט די צייט דערפאר.

שרה בת טובים

ס'איז ניט פאר אונזער פאַרגעניגן.
מיר ליגט אזוינס איצט ניט אין זינען, —
עס איז א טייל בלויז פון מיין פּלאַן.

מלכה פיק

דו ביסט געהיימניספול און פירסט זיך
אינגאַנצן ניט ווי כ'האָב דערוואַרט.
דאָס וואָלט געפּאַסט פאר אַ דעטעקטיוו,
ניט פאַר אַ שרייבערין פון תחינות.

שרה בת טובים

מיט תחינות וועט מען דאָ ניט העלפן,
דאָ דאַרף מען ראַדיקאַלע מיטלען.

מלכה פיק

אויב תחינות העלפן ניט, וואָס וועט שוין ?
מען קען אָן תחינות ניט באַגיין זיך.
וואָס ווערט פון שטאַרקסטן קאַמף און שלאַכט
אויב ניט אָן אָנגעשריבן בלעטל,
אַ סטימולאַנט פאַר מידע שרייבער,
פאַר רעדנער פּיפּיקע — אַ ווענדונג,
און פאַר דער ברויזנדיקער יוגנט
א גרייטער תירוץ פאַר קרבנות !
ס'איז אונזער וואונדערלעכע וועלט
צעטיילט אויף הענקער און קרבנות.
בשלימות האָט דער הענקער קעפּ
און וואַרעם בלוט איז זיין באַלוינונג,
נאָר טיף אין האַרצן חלומט ער,
אַז ער וועט זוכה זיין ביי גאָט,
און קעפּ אזויפיל וועט ער האַקן,
אַז דער געשיכטע שרייבער וועט
געצוואונגען זיין דערמאָנען אים.
און די קרבנות חלומען
פון לאָרבער קרענץ און פון פארערונג.
צו וואָס, זאָג, מאכן נאַריש זיך
און טראַכטן וועגן עפּעס אויפטאָן
ווען אלעס איז פאָראויס באַשטימט,
און יעדער איינער האָט זיין ראָלע.

דירעקטאָר

איז דאָ בלויז הענקער און קרבנות ?

מלכה פיק

אָ, ניין, אָ, ניין, א קליינער טייל
פאַרנעמט זיך בלויז מיט דער פּראָפעסיע,
נאָר זייער ארבעט איז אַזאַ
וואָס לאָזט באשרייבן זיך אין ביכער.
און איך און דו, און אַלע מיר,
וואָס גייען דורך דעם לעבן דורך
ניט לאָזנדיק נאָך זיך אַ שפור,
זיך שטיקנדיק מיט אונזער צער,

און ביי דעם מינדסטן שיין פון פרייד
צעשטראַלן מיר זיך אַזש פאַר גליק, —
אַט די ביליאַנענדיקע מאַסע,
זי דינט בלויז פאַר אַ הינטערגרונט.
פאַרשטיי מיך, שוועסטער, אויף די ברעטער
דאָרט שטעלט מען אויך אַנסאַמבל פּיעסן,
און ס'זיינען, זאָגט מען, דאָ ראָמאַנען
וואָס האָבן ניט קיין הויפּט פיגור.
אין לעבן, אָבער, שוועסטער מיינע,
דאָ שפּילן בלויז די הויפּט ראָליסטן.

ד י ר ע ק ט אָ ר

כ'האָב, מלכה פּיק, זיך איינגעהערט
צו אַלעם, וואָס דו האָסט געזאָגט,
עס האָט צום ענין ניט צו טאָן,
איך פיל בלויז, עפּעס דריקט דיין האַרץ, —
קען איך מיט עפּעס העלפן דיר ?

מ ל כ ה פּ י ק

ביסט וואונדערלעך און האָסט אַ האַרץ,
אַז ווען מען קוקט אין דעם אריין,
איז ווי מען וואָלט געקוקט אין ר ו ת .
פאַרוואָס האָב איך דיר שלעכטס געטאָן ?

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

איבערקוליענדיק זיך אַ פּאָר מאָל, שפּרינגט אריין אין מיטן

וועלכעס מיידל ס'נעמט אַ בחור
איז ניט ווערט אַ דרייער,
ער וועט גיין אין דער מלחמה
אין דעם ערשטן פייער.

און דאָס האַרץ אירס קלאַפּן, קלאַפּן
וועט פאַר פּיין און ווייטיק,
דאָס איז אמת, אונטער אייכל,
ווי ס'איז איצטער פּרייטיק.

אונטער אייכל

און אַ מיידל אָן אַ בחור
איז ניט ווערט אַ גראָשן,
ס'וועט איר לעבן, ווי אַ ליכטל,
ווערן אויסגעלאָשן.

שיפּע זיבעלע

וואָסזשע טוט מען, קענסטו אפשר
מיר אָן עצה געבן?

אונטער אייכל

ס'דאַרף אַ מיידל צוויי בחורים
בויטיק ווי דאָס לעבן.

איינער אויפן שלאַכטפעלד וועט זיך
מיטן שונא שלאָגן,
און דער צווייטער וועט זיין לעבן
איר אַנטקעגן טראָגן.

קושן זיך, האַלזן זיך, קוליען זיך און טאַנצן, ווען די איבעריקע האַלטן אונטער דעם מאָטיוו.

מלך הארץ

אליין, פּרינצעסין, וואו דער מאַן?

פּרינצעסין

איר מיינט מיין ברודער, מלך הארץ?

מלך הארץ

מען טאָר אַזוי ניט ריידן, ניין!

פּרינצעסין

אַזוי האָט זי דאָך אונז דערקלערט.

שרה בת טובים

איך בין געקומען דאָ צו העלפן,
און אויב, פּרינצעסין, איר זייט בייז,
זאָגט בלויז א וואָרט אַן איינציקס, און — אַדיע.

פ ר י נ צ ע ס י ן

איז דאָס באמת מיין מאַמעס שטימע ?

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

עס קען אין דעם קיין צווייפל ניט זיין. איצט לאָמיר גיין אביסל ווייטער און אָננעמען, אַז אַלץ, וואָס די שטימע זאָגט איז אַן אמת. עס איז גלייכער, אַז איך און אַלע מיר זאָלן אָננעמען, אַז דאָס וואָס די שטימע זאָגט איז אַן אמת. איצט דאַרף מען אויסגעפינען ווי קומט די שטימע אַהער. אייער מאַמע, ווי מיר אַלע ווייסן, האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט א טורנע אין בראַזיליען און געפינט זיך איצט צוזאַמען מיט אייער שוועסטער, ניינטל הארץ, אויף א שיף, וואָס פירט זיי אַהיים. יאָ, איך דאַרף אויסגעפינען ווי קומט די שטימע אַהער און זוכנדיק, האָף איך, וועט מיר געלינגען צו באַווייזן, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ פאַרשווערונג, אַ שווינדל, אָבער ביז דאמאָלט —

מ ל ך ה א ר ץ

וואָס ?

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

צו דער פרינצעסין, וואָס קוקט אויף איר מיט גרויסע אויגן.

וועל איך אָננעמען, אַז דאָס איז אייער מוטערס שטימע. איר גלויבט ניט אין דעם ? און איך גלויב ? אָבער דאָ האַנדלט זיך ניט אין גלויבן, און איך נעם עס דערפאַר אָן, ווי ס׳וואָלט געווען א גלגול פון אייער מוטערס שטימע.

ד י ר ע ק ט אָ ר

אָדער דאָס רעדט איר אונטערבאַוואוסטזיין.

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

דערפאַר האָב איך איינגעלאַדן דאָ קאָלאָמבינע, פיעראָ און ארלעקין. זאָלן זיי זינגען, טאַנצן, מאַכן זיך פריילעך, ווערן טרויעריק. אפשר וועט אונז געלינגען אזוי אַרום צו פאַרכישופן דעם גלגול, אין וועלכן איך גלויב ניט. אייך וועט נאָך אויסקומען, פרינצעסין, איבערצוטראָגן אַביסל אומאנגענעמליכקייטן, טראָגט זיי אריבער בראַוו.

מ ל כ ה   פ י ק

וואו האָסטו געפּאַקט אָט די קאָלאָמבינע און אירע צוויי קאַוואַליערן ?

ש ר ה   ב ת   ט ו ב י ם

אין אַ טעאַטער ביוראָ וואָס ספּעציאַליזירט זיך אין קאָמעדיע דעל אַרטע אַרטיסטן.

ד י ר ע ק ט אָ ר

קאָמישע פּאַרשוינען. וואָס שלאָפן זיי עפּעס אַלע אין איין בעט ?

ש ר ה   ב ת   ט ו ב י ם

איך ווייס ניט. אָבער זיי האָבן עס אומבאַדינגט געפּאָדערט, אַריינגע־שטעלט אַ פּונקט אין קאָנטראַקט.

ד י ר ע ק ט אָ ר

פּאַרוואָס שלאָפט איר אַלע אין איין בעט ?

ק אָ ל אָ מ ב י נ ע

אונז איז קאַלט.

א ר ל ע ק י ן

זייער קאַלט.

פּ י ע ר אָ

שרעקלעך קאַלט.

ד י ר ע ק ט אָ ר

פּאַרוואָס ?

ק אָ ל אָ מ ב י נ ע

איר ווייסט ניט ?

פּ י ע ר אָ

טאַקע ניט ?

א ר ל ע ק י ן

באמת ניט ?

ד י ר ע ק ט אָ ר

ניין, איך ווייס ניט.

ק אַ ל אַ מ ב י נ ע

מיר האָבן דאָך ניט קיין בלוט אין אונזערע אָדערן.

ד י ר ע ק ט אָ ר

איר האָט ניט קיין בלוט?

פ י ע ר אָ

ניין.

ק אַ ל אַ מ ב י נ ע

אין אונזערע אָדערן פליסט אָדעקאָלאָן.

ד י ר ע ק ט אָ ר

אָדעקאָלאָן?

א ר ל ע ק י ן

יאָ.

קאַלאַמבינע נעמט אַרויס א פּערלמוטערן מעסערל, דעקט זיך אויף די ברוסט און שטעכט עס אריין, פּיעראָ און ארלעקין טוען עס אין זייערע ארעמס. עס גיט אַ שפּריץ אָדעקאָלאָן און דאָס גאַנצע טעאַטער הויבט אָן צו שמעקן.

ק אַ ל אַ מ ב י נ ע

אַמאָל איז געווען אַ מעשה,
די מעשה איז גאָרניט פריילעך.
די מעשה הויבט זיך אָן
מיט אַ אידישן מלך.

דער מלך איז לאַנג שוין געשטאָרבן,
ליגט אונטער אַ בערגל מיט ערד.
צוזאַמען מיט אים ליגט באַגראָבן
זיין פּאַנצער, זיין שפּיז און זיין שווערד.

ער האָט אין דעם לעבן דעם קורצן
זיך קיינמאָל פון זיי ניט געשיידט,
האָבן זיי אים אינם קבר,
אין פינצטערן קבר באַגלייט.

נאָר וואו איז די מלכה די יונגע
מיט אירע טיף־קופּערנע האָר?

אַלע

נאָר וואו איז די מלכה די יונגע
מיר אירע טיף־קופּערנע האָר?

קאָלאָמבינע

דאָס איז שוין ניט מערער קיין מעשה,
דאָס איז שוין די פינצטערע וואָר!

אַ שענקל, האַלב נאַקעטע פרויען,
מאַטראָסן, אַ שמוציקער פּאָרט —
און וואו ס׳איז די מלכה די יונגע,
זאָל בעסער שוין בלייבן א סוד!

שרה בת טובים

ס׳איז דאָ, פּרינצעסין, אַ באַלאַדע,
אַן אַלטע אידישע באַלאַדע,
און, אגב, לאָמיר זאָגן אייך
אַן אויסגעצייכנטע. מען פרעגט
דאָרט אומגעריכטערהייט אַ פרוי:
צי האָסטו טעפּ, צי האָסטו פאַנען,
צי האָסטו לוסט צו פרעמדע מאַנען?

פּרינצעסין

כ׳האָב טעפּ אַ סך, און איך האָב פאַנען,
נאָר כ׳האָב קיין לוסט צו פרעמדע מאַנען.

שרה בת טובים

איז שלעכט, פּרינצעסין.

פ ר י נ צ ע ס י ן

כ׳שטויס זיך אָן

איר וועט דעם ענין אונטערזוכן,
און שיקן מיך נאָך צו אַ דאָקטאָר.

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

איך וועל אייך שיקן אין א קינאָ.
פאַרשטייט זיך, מיט אַ יונגנמאַן.

פ ר י נ צ ע ס י ן

און ווער וועט ברייִנגען דעם רעפּאָרט?

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

דאָס וועט זיין אייער פליכט, פּרינצעסין.

פ ר י נ צ ע ס י ן

און דאָס וועט בלייבן שטריינג געהיים?

כאַפּט זיך אַרום מיט שרה בת טובים

און זאָגט מיר, ווער וועט מיך באַגלייטן?

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

מיין ברודער.

פ ר י נ צ ע ס י ן

דאָס איז גאָרניט שלעכט.
ווען קומט ער?

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

מאָרגן אין דער פרי.

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

דער פּרינץ וועט דאַרפן אויך פאַרטרויען
צי ער האָט לוסט צו פרעמדע פרויען.

פ ר י נ צ ע ס י ן

וועט איר מיר ווייזן דעם רעפּאָרט ?

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

אויב איר וועט קיינעם ניט דערציילן.

מ ל כ ה פ י ק

ער האָט אַזויפיל חן, דיין דינער.

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

דו קענסט אים האָבן אויב דו ווילסט.

מ ל כ ה פ י ק

אויפגערעגט, עס ציטערט איר אונטערשטע ליפּ,
אָבער זי באַהערשט זיך אַביסל.

כ׳קען אַלע האָבן אויב איך וויל !
נאָר קיינער וויל ניט, כ׳זאָל אים האָבן.

טרעט צו שאַרף צום פּאַרפּאַסער

פּאַרוואָס האָסטו מיך ניט גענומען ?
דו שווייגסט און ציסט דיין פּאַפּיראָס,
אַזוי האָסטו געטאָן אויך דאַמאָלט
ווען כ׳בין געקומען גרייט צו דיר.
פּאַרוואָס האָסטו מיך ניט גענומען ?
עס קומט א מיידל יונג און ריין,
יאָ, יונג און ריין. איך וויים באַנאַל
אַזוינע ווערטער קלינגען דיר.
וואָס קען איך אָבער העלפן מיר,
אַזאַ בין איך געוועזן דאַמאָלט.
איצט בין איך מער ניט יונג און ריין,

איך בין ניט אַלט און אויך ניט אומריין,
נאָר כ׳בין שוין ניט וואָס כ׳בין געווען.

קוקענדיק דעם פּראָפעסער אין פּנים אריין

ס׳איז עפּעס דאָ ניט גלאַט, פּראָפעסער.
פּראָפעסער?! גאָט אין הימל! כ׳ווייס ניט
צומאָל דיין נאָמען! נאָך דעם אַלעם
וואָס צווישן אונז איז פאָרגעקומען
ווייס איך ניט ווי דו הייסט אפילו.

טרערן באַווייזן זיך אין אירע אויגן. זי פּרואווט
זיי אפילו ניט אָפּווישן.
שרה בת טובים גיט אַ וואונק צו איר דינער

א י י ב ר ע ה ע ם ל י נ ק אָ ל ן ו ו אַ ש י נ ג ט אָ ן

נעמט די גיטאַרע אין האַנט און פאַרמאַכט די
אויגן

עס איז זיך אַ מעשה אנומלט פאַרלאָפן,
עס האָט זיך א מעשה אנומלט געטראָפן,
די מעשה געווען איז אַזוי און אַזוי:
אַ מאַן אין אַוועק, האָט פאַרלאָזן זיין פרוי.

פאַרוואָס און פאַרווען, ווער קען וויסן און זאָגן,
עס איילן חדשים, די יאָרן זיי יאָגן,
און גרויס איז דער ווייטיק, די חרפּה איז טיף:
ער האָט איר צומאָל ניט געשריבן אַ בריוו.

געקרייזלטע האָר זיינען גלאַטער געוואָרן,
דער שיין פון די אויגן איז מאַטער געוואָרן — — —

מ ל כ ה פּ י ק

הער אויף, גענוג!

ז׳ י ר ע ק ט אָ ר

וואָס איז מיט דיר?

מ ל כ ה   פ י ק

טרערן פליסן איבער אירע באַקן. מיט שנאה צום פאַרפאַסער

דו האָסט מיך אָנגעשטעקט מיט לידער,
ס׳וואָלט בעסער זיין מיט סיפיליס!
איצט בין איך אומגליקלעך, ווען ס׳גייט
אַוועק א צייט און ס׳ווייזט זיך ניט
קיין נייער דיכטער, נייע לידער.

זי שטופּט אָפּ דעם דירעקטאָר וואָס האָט גענומען
איר גלעטן די האָר, לייגט דערנאָך ארויף איר האַנט
אויף זיין פּלייצע

און ווען איר האָט געוואָלט מיך האָבן
האָט איר באַשלאָסן מיך צו קויפן,
האָט פאַרגעלייגט מיר עראָפּלאַנען,
האָט צוגעזאָגט מיר ווילעס, דינסטן.

ד י ר ע ק ט אָ ר

כ׳האָב פאַרגעלייגט איך דאָס צו וואָס
איך שטרעב אליין דאָס גאַנצע לעבן.

מ ל כ ה   פ י ק

גערעכט, גערעכט, און שטאַרק גערעכט,
נאָר איך בין אָנגעשטעקט מיט לידער.

קושט דעם פאַרפאַסער די אויגן און פירט מיט
אירע הענט איבער זיין פּנים

דו קום מיט מיר, כ׳בין דיינע, דיינע.

א ו נ ט ע ר   א י י כ ל

מען וויל איך אויפן טעלעפאָן.

מלכה פּיק

מיך? יאָ? וואַרט צו אַ ווייל, פּאַרפּאַסער.

זי גייט אוועק מיט לייכטע טריט און, דאַכט זיך,
פול מיט האָפנונג.

מלך הארץ

דו האָסט זי אומגליקלעך געמאַכט,
ניט ווייל דו האָסט געוואָלט עס טאָן!
און ס׳ווייסט דאָס גוטע יאָר, וואָס ס׳קומט
ביי דיר אליין אין האַרצן פאָר!

מלכה פּיק

קומט צולויפן א פריילעכע, קיין פונק פון דעם
טרויער און פאַרצווייפלונג

הורא! כ׳וויל טאַנצן! איך וויל שפּרינגען!

צום פּאַרפּאַסער

דו בלייב שוין דאָ! כ׳וויל עפּעס בעסערס!
קום, וואַשינגטאָן, אויף אַ שפּאַציר
און אפשר זיך אביסל שיפן.

פּיעראָ

אָ, האָב רחמנות, טרייב ניט
דאָס שיפל פונם ברעג.
דו קוק זיך איין: לבנה
אין מיטן האָט אַ פלעק.

עס איז אַ שלעכטער סימן, —
קומט בעסער גלייך צוריק:
ס׳וועט איינער הײנט זיך טרינקען,
צי הייגען אויף אַ שטריק.

דער פלעק ווערט טיפער, ברייטער,
שלינגט די לבנה איין.
דערמאָנט זיך אָן דעם שיפער,
דעם שיפער פונם רהיין.

מלכה פיק

איך וויל פון דעם אַלעם ניט וויסן. דאַרלינג, קום! נעם מיך אַרום! עס שמעקט פון דיר מיט פּראָזע, מיט ערד. דאַרלינג!

אייבערהעם לינקאָלן וואַשינגטאָן גיט אַזאַ דריי מיט די אויגן, אַז עס ווערט אַזש פּריילעך אויף דער נשמה. מלכה פיק נעמט אים אָן ביי דער האַנט, נעמט אים אונטערן אָרעם און זי פילט אליין ניט, ווי קונציק ער האָט זיך ארויסגעדרייט פון איר אָרעם.

פּרינץ

וואו איז די פּרינעצסין ?

מלך הארץ

איז אַוועקגעגאַנגען מיט שרה בת טובימס ברודער. געזאָגט, אז זי וועט אין גיכן צוריקקומען.

שרה בת טובים האָט זיך ארויסגעדרייט, ניט זאָגנ־דיק קיין וואָרט. דאָס, אייגנטלעך, האָט יעדער געקענט וויסן, ווייל מען האָט געקענט זען, אַז זי איז ניט אויף דער בינע. עס ווערט אָבער געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם לייענער אויף דעם, כדי, ווען שרה בת טובים וועט ווייטער אָנהויבן ריידן, זאָל דער לייענער וויסן, אַז דאָס איז א באַוויז, אַז זי איז צוריקגעקומען.

פיערא

גיי ניט אוועק פּרינצעסיך,
גיי ניט צו ווייט אַוועק,
דו קענסט אַמאָל פאַרגעסן
צוריק אַהיים דעם וועג.

דו וועסט ווי שלמה וויינען
און רייסן זיך די האָר,
און אַלע וועלן מיינען,
דו ביסט משוגע גאָר.

א מלכה וואָס טוט וואַנדלען,
איז אויף דעם אָפּגרונטס ראַנד,

זי וועט זיך נאָך פֿאַרוואַנדלען
אין איינער פֿונם לאַנד.

א ר ל ע ק י ן

היט אָפּ דאָס בלוט דאָס בלויע!
און זאָגט עס אָפּן, דרייסט:
ס׳מאַכט העל די טעג די גרויע
דאָס ריטערטום פֿון גייסט!

היט אָפּ דאָס וואָרט דאָס צאַרטע!
געדענקט: פֿון אייביק אָן
געוועזן איז ל׳אַרטע
פֿון אונזער צעך די פֿאָן!

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

שיפּעלע! פֿאַרוואָס...

ש י פּ ע ז י ב ע ל ע

ווערט זויער מילך, מיינסטו?

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

יאָ.

ש י פּ ע ז י ב ע ל ע

איך האָב עס דיר שוין געזאָגט.

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

וואָס?

ש י פּ ע ז י ב ע ל ע

אַז איך וועל עס דיר זאָגן אין צווייטן אַקט.

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

עס איז דאָך שוין איצט דער צווייטער אַקט.

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

און פאַרוואָס קנייטשן זיך פרויען זאָקן, ווילסטו דאָך אויך וויסן, ניט אמת ?

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

יאָ.

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

אין צווייטן אַקט וועל איך עס דיר זיכער זאָגן.

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

און דערנאָך וועסטו ווידער זאָגן, אין צווייטן אַקט.

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

יאָ.

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

טאָ וואָס וועט זיין דער סוף ?

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

וועל איך דיך אָפּלייגן נאָכאַמאָל. איז וואָס ? די פּיעסע מוז זיך דאָך אַמאָל ענדיקן. עס מוז דאָך אַמאָל זיין א לעצטער אַקט. אלע פּיעסן האָבן א לעצטן אַקט.

אונטער אייכל גיט זייער א טיפן זיפץ. שיפע זיבעלע גיט אים אַ קוש. דער רוזש פון אירע ליפן לאָזט איבער א צייכן אויף זיין באַק. מיטן זוים פון איר אונטערקליידל, וואָס זי האָט באַנעצט מיט איר צונג, ווישט זי אים אָפּ די באַק.

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

וויש אָפּ פּאָרזיכטיק, עס זאָל ניט בלייבן אַ פלעק.

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

האָסט מורא ?

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

יאָ מורא, צי ניט מורא, אָבער בעסער איז דאָך אויסצומיידן א סקאַנדאַל.

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

אַך, די ביטערע לאַגע פון דער פרוי!

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

און די לאַגע פון דעם מאַן?

כאַפּן זיך ארום, טאַנצן און קוליען זיך איבער זיבן מאָל.

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

אַ ליבע איז גוט צו שפּילן,
ס'איז ניט קיין נאַרעריי!
ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, —
מיט איינער, ניט מיט דריי!

ער בעט זיך, איך זאָל אים קושן,
ער שטאַרבט גאָר נאָך מיין קוש!
ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, —
ווען כ'וויש אַראָפּ דעם רוזש!

א ש ט י ם

שטיל, אָבער אזוי שאַרף, אַז זי שניידט דורך די לופט. אלע בלייבן מיט אָפענע מיילער.

אָ, ניין, אָ, ניין! ער איז דיין ברודער!
אָ, ניין, אָ, ניין! זי איז דיין שוועסטער!

פ ר י נ צ ע ס י ן

אַ ווייל איז שטיל געווען! ווידער
שוין הערט זיך פון דאָס ניי דאָס קול,
דאָס קול, וואָס האָט אזויפיל צרות,
אַזויפיל אומגליק אונז געבראַכט!

מ ל כ ה פ י ק

וואָס ס'איז געווען איז פאַראיבער!
ס'וועט לאַנג ניט נעמען און דאָס וועט
פאַרבייגיין ווי אַ בייזער חלום!

מ ל ך ה א ר ץ

וואָס מיינסטו, ס׳וועט שוין לאַנג ניט נעמען?

מ ל כ ה פ י ק

איך מיין צו זאָגן, מאָרגן אָוונט,
דעם 15טן, נאָך האַלבע נאַכט,
פֿאַרענדיקן זיך אַלע צרות!
און צווישן האַרץ און האַרץ וועט מער
ניט זיין קיין צאַם שוין! אַ, פּרינצעסין,
אַ, ליבער פּרינץ! ניין, ניט נאָר איר,
אויך איך וועל אויסגעלייזט זיין מאָרגן!

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

פֿון וואַנען ביסטו אין דעם זיכער?

מ ל כ ה פ י ק

מיין באָבע איז נאָר וואָס געקומען
צו חלום מיר, און האָט געזאָגט:
גיי זאָג די בשורה אָן, אַז מאָרגן
וועט זיין א סוף צו אַלע ליידן!

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

וואו האָסטו איצט געכאַפּט אַ דרימל?

מ ל כ ה פ י ק

אויף דעם שפּאַציר מיט וואַשינגטאָנען.

אויבערהעם לינקאָלן וואַשינגטאָן גיט אַזאַ דריי מיט די ווייסלעך פֿון די אויגן, אַז טביה דער מילכיקער בלייבט שטיין מיט אַן אָפֿן מויל. פֿון צווישן זיינע פֿינגער פֿאַלן סעמעטשקעס.

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

איך האָף, ניט אויף דער האַרטער ערד,
אויף עפּעס ווייכערעס.

מ ל כ ה פ י ק

אויב יאָ,
איז וואָס? פֿאַרגינסט מיר אפשר ניט?

ביסט אפשר איפערזיכטיק גאָר ?
נאָר אויב דו ווילסט זיך שטעכן בלויז,
אין אַ פאַרלעגנהייט מיך ברענגען,
וועט דיר דאָס, לידער, ניט געלינגען.
ווייל איך בין איצטער פול מיט פרייד,
אַז כ׳וועל זיך באַלד מיט דיר צוקושן !

שרה בת טובים

דו ווייסט ניט, ווי דו ביסט מיר נאָענט !

מלכה פּיק כאַפּט זיך קושן מיט שרה בת טובים, קערט גלייך אָפּ דעם קאָפּ, קוקט און קוקט אויף איר פאַרוואונדערט.

מלכה פּיק

דו ביסט אין גאַנצן עפּעס אַנדערש,
וואָס איז מיט דיר, בת טובים, זאָג !
דיין אָטעם איז ווי פון אַ מאַן, —
איך הויב זיך אָן פאַר דיר צו שרעקן !

שרה בת טובים

און מיר הויבט אָן דאָס פּנים פלאַמען !
איך קען דיר שווערן, אויב ס׳איז נויטיק,
אַז כ׳בין ניט אַנדערש, ווי כ׳בין שטענדיק.

זי לאַכט הויך אויפן קול. מלך הארץ קוקט זייער אַנגעשטריינגט.

מלכה פּיק

צו דער פּרינצעסין, וואָס איז אריינגעפאַלן אַ פרוידיקע.

עס איז אַ פאַרגעניגן קוקן
אויף אייך, פּרינצעסין. אייער פּנים
איז אויפגעפלאַמט !

פּרינצעסין

איך קום אַצינד
פון אַ שפּאַציר ביים ברעג פון וואַלד.

פּרינץ

ביינאַכט אליין ביים ברעג פון וואַלד ?

פּ ר י נ צ ע ס י ן

ווער האָט עס דיר געזאָגט, אליין?
איך בין געוועזן מיט א בחור.
און אום דו זאָלסט ניט פרעגן מער
וועל איך דיר זאָגן: מיט אַ שיינעם.

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

איך זע, אַז אייך געפעלט מיין ברודער.

פּ ר י נ צ ע ס י ן

עס קען ניט ווינשן זיך א מוטער
א זון אַ בעסערן פון אים.
אַ פרוי דאַרף, אָבער, האָפן אויף
אַ מער געשיקטערן באַגלייטער!

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

וואָס איז די צרה מיט מיין ברודער?

פּ ר י נ צ ע ס י ן

האָט אלע מעלות. כ׳וויל בלויז זאָגן,
אַ יונגערמאַן אין זיינע יאָרן,
ווען ער גייט מיט אַ פרוי שפּאַצירן
ביינאַכט אליין ביים ברעג פון וואַלד,
דאַרף וויסן וועגן קאָמפּלימענטן,
און ער דאַרף קענען אויך א קוש טאָן.

פּ ר י נ ץ

האָט ניט געמאַכט דיר קאָמפּלימענטן
און האָט צומאָל דיך ניט געקושט?

ד י ר ע ק ט אָ ר

עס וואַקסט א דור א נייער אונטער,
וואָס וועט באַדעקן אונז מיט שאַנד!

מ ל ך ה א ר ץ

מוז זיין פון קאַרל מארקסעס חברה,
פון יענע לייט, וואָס זיינען זיכער,
אז ווען א מלכה שטרעקט די ליפּן,

די ליפּן אירע צו אַ מאַן,
דאָס איז ניט כדי א קוש צו קריגן,
דאָס דאַרף זי ניט.

שיפּע זיבעלע

וואָס דען?

מלך הארץ

קאָלאָניעס.

אַלע, אַלע וויינען, ווער אויפן קול, און ווער אין דער שטיל. אַלע אויגן זיינען רויט.

מלכה פּיק

פּרינצעסין, ס'ווינט דאָס האַרץ אין מיר!
אַזויפיל איבערטראָגן מוז
זיין מערער, ווי איך קען באַגרייפן!

שרה בת טובים

ער וועט פון מיר אַ פּאָרציע קריגן,
אַז ער וועט שוין פון איצטער וויסן:
עס איז א פרויען האַרץ ניט הפקר!

פּרינצעסין

וואָס האָט איר אַלע זיך צעוויינט?
מיך אַרט עס ניט, איך בין גאָר פריילעך,
ווי איך בין לאַנג שוין ניט געווען!

אַלע ווערן פריילעך. מען נעמט זיך ארום, מען קושט זיך. טביה דער מילכיקער און מנחם מענדל טאַנצן א קאַזאַצקע.

מלך הארץ

דו האָסט פאַרגעסן, אַז איך לעב!

שרה בת טובים

פאַרוואָס האָסטו מיר ניט געענטפערט
אויף אַלע מיינע בריוו ביז איצט?
איך וויל אַן ענטפער, ניט קאָלאָניעס!

מלך הארץ

אַן ענטפער ווילסטו אויף די בריוו,
צי בלויז אַן ענטפער אויף דיין פאָרוואורף?

שרה בת טובים

זאָל זיין אן ענטפער אויף מיין פאָרוואורף.

מלך הארץ

און טאַקע דאָ? פאַר אַלעמען?

שרה בת טובים

דו שעמסט זיך, וואָס דו האָסט מיך ליב?

מלך הארץ

גלעט איר די האָר

עס מעג די וועלט די גאַנצע וויסן!

שרה בת טובים

און איצט צוקוש זיך שטאַרק מיט מיר!

זיי קושן זיך זייער שטאַרק

אלע

הוראַ! הוראַ! הוראַ! הוראַ!

שיפע זיבעלע

קוק איין זיך בעסער, אונטער אייכל,
עס קען דיר דינען אַלס פאַרגלייך
ביים שרייבן פון דיין בוך. מיר דאַכט זיך,
עס וואָלט געווען אַ גוטער פּלאַן,
דו זאָלסט פאַרענדיקן דיין בוך
„מען האָט אַמאָל אין לאַנד ישראל
געהאַלזט זיך און געקושט זיך",
מיט אַ קאַפּיטל וועגן דעם
ווי האַלט עס מיט דעם ענין איצט
אין פּאַלעסטינע און אין גלות.

אונטער אייכל

און אַלץ אין תרגום לשון, יאָ?

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

עס קען גאָר אַנדערש ניט געמאָלט זיין!

ד י ר ע ק ט אָ ר

האָט איר געהערט די גוטע בשורה,
וואָס מלכה פּיק האָט אונז געבראַכט?

פּ ר י נ צ ע ס י ן

כ׳האָב ניט געהערט, נאָר פילן פיל איך
א יום־טובדיקן ריח דאָ!
וואָס איז די בשורה, וואָס, דו זאָגסט,
עס האָט אונז מלכה פּיק געבראַכט?

ד י ר ע ק ט אָ ר

עס ענדיקט אַלץ זיך מאָרגן אָוונט.

פּ ר י נ צ ע ס י ן

מיר דאַכט זיך אויך, אַז אָטאָ באַלד
זיך ענדיקן שוין אַלע ליידן,
און די דערנידערונגען אויך.

צו מלכה פּיק

פון וואַנען נעמסטו עס, מיין פריינדין?

מ ל כ ה פּ י ק

מיין באָבע, די גאָטזעליקע,
געקומען איז מיר היינט צו חלום
און האָט דאָס אַלעס מיר דערקלערט.

פּ ר י נ ץ

דיין פריילעכקייט האָט אָנגעשטעקט מיך!

פּ ר י נ צ ע ס י ן

הער אויף צו ריידן! כ׳וועל באַלד שרייען!
איך פּרואוו פאַררייַדן זיך די ציין,
ווייל ס׳רוקט זיך אָן אויף מיר אַן אומגליק, —
איך שווענגער!

פּ ר י נ ץ

ס׳דאַכט זיך בלויז דיר אויס.

פרינצעסין

עס דאַכט זיך? שוין די דריטע שעה — — —

פרינץ

דו ווייסט דאָך, אַז עס איז ניט מעגלעך.

די פרינצעסין לאָזט אים איבער און גייט צו צו די פרויען. עס רינגלען ארום דעם פרינץ דער פּאַר־פּאַסער, אייבערהעם לינקאָלן וואַשינגטאָן, פּיעראָ, ארלעקין, טביה דער מילכיקער, אונטער אייכל, דער דירעקטאָר, מנחם מענדל און מלך הארץ.

די פרויען זיינען איצט שטאַרק אָפּגעטיילט פון די מענער.

פרינצעסין

העלפט, שוועסטער, מיר, איך בין אומגליקלעך!

קאָלאָמבינע

דיר דאַכט זיך בלויז, ס׳איז דאָך ניט מעגלעך!

מלכה פיק

פּאַרוואָס זאָגסטו, עס איז ניט מעגלעך,
דו ווייסט דאָך, די פרינצעסין איז
א ריינע, אומשולדיקע יונגפרוי,
און ס׳האָט ניט איינמאָל שוין פּאַסירט,
אַ ריינע אומשולדיקע יונגפרוי
זאָל נעמען טראָגן פון א גייסט.
נאָר איך, איך בין דאָך ניט קיין יונגפרוי,
וואָס קומט עס מיר?

שרה בת טובים

וואָס איז מיט דיר?

מלכה פיק

איך טראָג!

שרה בת טובים

דו טראָגסט?

מלכה פיק

איך טראָג!

ש ר ה   ב ת   ט ו ב י ם

משוגע!

מ ל כ ה   פ י ק

די דריטע שעה שוין. אוי, מיך איבלט!

פ ר י נ צ ע ס י ן

ס׳איז שלעכט, ס׳איז שלעכט, ס׳איז שלעכט מיר, שוועסטער!

ט ב י ה   ד ע ר   מ י ל כ י ק ע ר

שפרינגט פלוצים אויף, צושפרייט די הענט, א שוויים באַדעקט זיין פנים.

מענטשן, וואָס שוויגט איר! ברענגט לימענעס! איר זעט דאך, די אידענעס טראָגן!

א פרייליכער לאַכן. די פרויען אין טעאטער דרייען זיך אין זייערע שטולן, ווי מען וואָלט זיי גע־קיצלט. עס זעט אויס, אַז די נייס האָט אַלעמען דערפרייט. ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, זעט מען זייער א סך פרויען אויף דער בינע. אין מיטן מלכה פיק און די פרינצעסין מיט האַלבע לימענעס אין מויל, די איבעריקע מיט בלויז דינע רייפטלעך צווישן די ציין.

דריטער אַקט

ד י ר ע ק ט אָ ר

אַוואו באַהאַלט זיך מלכה פּיק?
מען זעט זי ניט זייט אייערנעכטן,
און עפּעס גייט מיר אויס דאָס האַרץ
פון בענקעניש נאָך איר, און ליבשאַפט.

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

דו האָסט זי ליב? איך האָב געמיינט,
דיין בענקשאַפט גייט אויס נאָך א צווייטער.

ד י ר ע ק ט אָ ר

מיין בענקשאַפט גייט אויס נאָך אַ צווייטער,
און ס׳גליט אַ האָפנונג אַלץ אין האַרץ
זי וועט אַמאָל צו מיר נאָך קומען
און וועט פאַרלעשן ס׳בענקעניש.
נאָר מלכה פּיק איז עפּעס אַנדערש,
קענסט האָבן זי מיט לייב און לעבן,
נאָר בענקען וועסטו אַלץ נאָך איר.
איך האָב זי קיינמאָל ניט געהאַט,
נאָר ס׳דאַכט זיך מיר, עס איז אַזוי.

שטורמישער אַפּלאָדיס פון פּובליקום, אַז עס ציטערן אַזש די ווענט פון טעאַטער. דירעקטאָר פאַרנייגט זיך פאַרן פּובליקום.

מיט אַמאָל — א שרעקלעכער קלאַפּ, ווי פענצטער וואָלטן צעבראָכן געוואָרן.

מלך הארץ

אוי, גאָט אין הימל! וואָס איז דאָס?

פּרינץ

שוין ווידער מלכּה פּיק?

אונטער איכל

קומט צו לויפן אָן אָטעם. צו שׂרה בת טובים

צעבראָכן

האָט זי אָצינד דעם גרויסן שפּיגל,
דריי שויבן און דעם טעלעפאָן.

שׂרה בת טובים

האָט ווער זי ווידער אָפּגערופן?

אונטער איכל

ס׳האָט קיינער זי ניט אָפּגערופן.
זי האָט שפּאַצירט אין קאָרידאָר דאָ
און פּלוצים גאָר אַ שפּרונג געגעבן
צום טעלעפאָן, און אים צעבראָכן!
און גלייך אַ כאַפּ געטאָן אַ וואַזע,
אַ וואָרף געטאָן אין גרויסן שפּיגל!
און מיט די קליינע פויסטן אירע
אריינגעשליידערט זיך אין פענצטער!

דירעקטאָר

אוי, גאָט אין הימל! וויי איז מיר!

אונטער איכל

עס פלאַמט דאָס פּנים מיר פון חרפּה,
וואָס כ׳בין צו דעם געווען אַן עדות.

פּרינץ

איז אויסגעצערט, איז בלאַס, צעטראָגן.

דירעקטאָר

ווען אויסגעלאָזט האָט זיך, איר באָבע
האָט ניט געטראָפן, און די קולות
צעטראָגן האָבן זיך נאָך שטאַרקער — — — —

ש י פ ע ז י ב ע ל ע

זי איז געווען שטארק צוטראָגן
דעם גאַנצן אונט אייערנעכטן.

מ ל ך ה א ר ץ

פון ריידן אויפן טעלעפאָן
איז זי געפאַלן אין חלשות.

א ו נ ט ע ר א י י כ ל

געמוזט א שלעכטע בשורה זיין.

ד י ר ע ק ט אָ ר

עס ציטערט מיר דאָס האַרץ. כ'האָב מורא,
זי זאָל ניט אויסגיין דאָ אין גאַנצן.

פ ר י נ ץ

קוים וואָס זי האַלט זיך אויף די פיס.

דאָס פובליקום איז שרעקלעך אויפגערעגט. טייל הויבן אָן צו שפרינגען פון זייערע פלעצער.

ש ט י מ ע ן

— ברייננגט גלייך צופירן מלכה פיק!
— וואָס מיינט איר, וואָס? זי איז אונז טייער
אַזוי, ווי יעדערער פון אייך!
— מיר ווען דאָ זיך אַמוזירן
ווען אונזער הויפט ראַליסטין שטאַרבט?
— דאָ וועט ניט גילטן קיין אינטריגעס!
— ניט קיין טעאַטער פאָליטיק!

ווער ווייסט מיט וואָס דאָס אַלץ וואָלט זיך געענדיקט, ווען אין דער מינוט וואָלט זיך ניט באַוויזן מלכה פיק. זי איז דערשינען אין דער באַגלייטונג פון פרינץ און אונטער אייכל. א זיפץ פון דערלייכטערונג רייסט זיך ארויס פון גאַנצן טעאַטער. זי קומט נענטער צו. האַלט זיך קוים אויף די פיס. איז שרעקלעך בלאַס. דאָס פובליקום עסט זי פשוט מיט די אויגן. איר שמייכל באַרואיקט די אויפגערעגטע געמיטער.

א ש ט י מ ע

אַ, זינגט אונז עפּעס, מלכּה פּיק.

מ ל כּ ה פּ י ק

כ׳וואָלט בעסער וועלן עפּעס זאָגן.

ד אָ ס פּ ו ב ל י ק ו ם

הוראַ! הוראַ! הוראַ! הוראַ!

מ ל כּ ה פּ י ק

האַלטנדיק זיך אָנגעשפּאַרט אָן אונטער אייכל און דעם פּרינץ

ווען איך זאָל האָבן טויזנט אָרעמס,
גאַלאַנטע הערן, וואָלט איך יעדן
געדריקט אַצינד צום הארצן מיינעם!
ווען איך זאָל האָבן טויזנט ליפּן,
וואָלט איך געקושט אייך יעדן איינעם!
ניט שמייכלט, רייצנדיקע דאַמען,
דאָ איז טעאַטער, ניט דאָס לעבן!
דאָ קענען ניט דיזעלבע אָרעמס
אומאַרמען מער ווי איין געליבטן!
דאָ קענען ניט דיזעלבע ליפּן
צעקושן מער ווי איין געליבטן!
איך זע, איר שמייכלט, ליבע דאַמען,
איר ווילט מיר זאָגן, אַז איר האָט שוין
געזען פּאַרקערטעס אין טעאַטער?
איר זייט גערעכט, נאָר דאָס פּאַסירט בלויז
ווען ס׳קומט אונז אויס אַמאָל צו שפּילן
אַ שטיק גענומען פון דעם לעבן,
איך מיין, אַ רעאַליסטיש ווערק.
נאָר כ׳וויל דאָ, הערן, אייך דערקלערן,
אַז ווען עס ענדיקט זיך דאָס שפּילן
ווער איך צוריק נאָרמאַל, און פּיר זיך
אַזוי ווי ס׳דאַרף אַ פרוי זיך פירן.
ניט איך אליין, אַזוי איז יעדע,
וואָס שפּילט ביי אונז דאָ אין טעאַטער.

דאָס זעלבע, רייצנדיקע דאַמען,
איז מיט די מענער פון דער טרופּע!

שטורמישע אָוואַציע. דאָס גאַנצע פּובליקום איז אויף די פיס. מלכּה פּיק ווערט פאַרוואָרפן מיט בלומען. טויזנטער קערב מיט פּרוכטן ווערן גע־בראַכט אויף דער בינע. מלכּה פּיק זיצט האַלב אויסגעצויגן אין א שטול און עסט שטיקלעך באַר, וואָס דער פּרינץ לייגט איר אין מויל אריין.

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

דו בלייבסט, איך האָף, מיט אונז דעם אָוונט.

מ ל כ ה פּ י ק

ס׳איז פריילעכער, איך וועל דאָ בלייבן,
עס איז דיין אָוונט היינט, בת טובים.

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

עס איז אויך דיינער, מלכּה פּיק.

מ ל כ ה פּ י ק

מיר דאַכט זיך, ס׳איז מיין יום הדין,
און זע, ניט איך, דו ציטערסט גאָר.
האָסטו ניט מורא פאר א דורכפאַל?
איך בין דאָך זיכער אויך געווען.

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

דו האָסט פארלאָזט זיך אויף א באָבע,
וואָס איז געקומען דיר צו חלום.

מ ל כ ה פּ י ק

און דו, אויף וואָס פאַרלאָזסטו זיך?

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

עס איז דער אכצנטער, און ח״י
איז דאָך א מזלדיקע צאָל.

מ ל כ ה פּ י ק

און היינט שוין נעמט צו אַלץ אַ סוף?

שרה בת טובים

בלויז צו די ליידן קומט א סוף,
צו גליק און פריידן קומט אן אָנהויב!
ניט בלויז דער פרינץ און די פרינצעסין,
עס זאָגט דאָס הארץ מיר, אַז אויך איך
וועל האַלטן הויך דעם קאָפּ היינט אוונט,
ווי כ׳האָב אים קיינמאָל ניט געהאַלטן.
וואָס רייד איך: היינט! דאָס וועט פאַסירן
א פערטל שעה פון איצט, ניט שפּעטער,
אַ פערטל שעה, א האָר ניט שפּעטער.

פּיעראָ

ס׳וועט עפּעס היינט פאַסירן,
ס׳וועט עפּעס היינט געשען,
און איך בין מיד, און וויל ניט
קיין נייע זאַכן זען.

פאַרדעק מיך, קאָלאָמבינע,
די אויגן מיר פאַרדעק. —
דאָס ליכט פון דער לבנה
שטויס אָפּ און טרייב אַוועק.

מיך שרעקט היינט די לבנה,
מיך שרעקט דאָס בלייכע ליכט, —
ביי דיינע בריסט באַהאַלטן
וועל איך איצט מיין געזיכט.

ארלעקין

אָ, לאָמיר גיין פון דאַנען,
איך פיל, ווי א פאַרוואַנדלונג
קומט איצט דאָ פאָר, שטאָט ווערטער
מיר וועלן האָבן האַנדלונג.

ס׳וועט איינער באַלד דאָ וויינען,
א צווייטער קען נאָך לאַכן, —
מיר טאָרן זיך ניט מישן
אין אָט אזוינע זאַכן.

מען וויל דאָס וואָרט דאָס ריינע
אויף מעשים גאָר פאַרבייטן, —
פון אַט דעם וואַנדאַליזם,
מיר מוזן שטיין פון וויטן.

מ ל כ ה פ י ק

ווען ענדיקט זיך די פערטל שעה?

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

נאָך גאַנצע ניין מינוט צו וואַרטן.

מ ל כ ה פ י ק

קענסט ניט פאַרגיכערן די צייט?

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

כ׳וואָלט אַלץ געטאָן פונדיינעטוועגן.

אָנגעשטרייגטע שטילקייט, אַזוי ווי יעדער אָטעם וואָלט זיך אָפּגעשטעלט. אַלע אויגן געווענדט צום גרויסן זייגער. ס׳קומען אויף דער בינע דער כאָר, דער אָרקעסטער און דער באַלעט. זיי קומען אזוי שטיל, אַז מען הערט אפילו קיין שאָרך ניט. די מענער נעמען ארונטער זייערע הענט פון די טאַליעס פון די פרויען, פינגער שאַרן זיך אַוועק פון פינגער. וואו ניט וואו בלייבט נאָך א קני פון א פרוי צוגעדריקט צו א קני פון א מאַן. פיערא נעמט אוועק זיין קאָפּ פון קאָלאָמבינעס האַרץ. פון אייברעהעם לינקאָלן וואַשינגטאָן איז געוואָרן א העלפט.

ש ט י מ ע ן

— נאָך דרייסיק רגעס איז געבליבן.
— בלויז פינף און צוואַנציק און ניט מערער!
— דו מיינסט צו זאָגן צוואַנציק רגעס.
— און איצט געבליבן איז בלויז צוועלף.
— בלויז צען.
— בלויז ניין.
— בלויז פינף.
— בלויז צוויי.

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

הויבט זיך פּאַמעלעך אויף פון איר שטול. אַלע אויגן אָנגעשטעלט אויף איר. זי גיט א מאַך אין דער לופט מיט דער רעכטער האַנט.

אָט האָט איר עס!

פּ ר י נ צ ע ס י ן

און וואָס איז דאָס?

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

דער קוואַל פון אָט די אלע צרות:
א פּיטשעגאָנטשיק פּאַנאַגראַפל!

אלע פּאַרגאַפט. ווייסן ניט וואָס דאָס אלץ זאָל באַדייטן. מלכה פּיק ווערט בלייך און פאַלט צו דער ערד.

א י י ב ר ע ה ע ם ל י נ ק אָ ל ן װ אַ ש י נ ג ט אָ ן

אויסגעצויגן ווי א סטרונע גייט צו צו שרה בת טובים און דערלאַנגט איר א קאָנווערט.

איך קען עס מער ניט איבערטראָגן, —
אָט האָט איר דאָ מיין רעזיגנאַציע.

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

דו האָסט באשלאָסן רעזיגנירן,
דו ווילסט ניט זיין מער א דעטעקטיוו, —
ניט רייד קיין נאַרישקייטן, סעמקע!

אייברעהעם לינקאָלן וואַשינגטאָן רייסט אויף גיך פון זיך ארונטער די מאַסקע און די קליידער, און עס בלייבט שטיין אַן עלעגאַנטער, פעסט געבויטער יונגערמאַן. די עכט אידישע נאָז גיט אים צו ווירדע און חן.

שטימען

— סעמקע דער דעטעקטיוו!!!

— דער אינגסטער,

— דער גרעסטער

— דעטעקטיוו פון סקאָטלאנד יאַרד!

— דער שטאָלץ פון אידישן פאָלק!

— גייט יום כפור אין שול אריין!

— קען זאָגן קדיש!

— האַלט פון משה רבנו!

— פון משה מאָנטעפיאָרע!

— פון איינשטיינען!

— פון רמב״ם!

— קושט ניט קיין מיידלעך אין תשעה באב!

— אונזער שטאָלץ!

— אונזער פריינד!

אָרקעסטער הויבט אָן שפּילן דעם ענגלישן הימן און די התקוה. מענער זיינען שווין הייזעריק פון שרייען, פרויען שמירן זיך די ליפּן און וואַרפן קושן. סעמקע דער דעטעקטיוו האַלט זיך אין איין נויגן.

שרה בת טובים

איך האָב זיך גלייך אָנגעשטויסן, אז אזוי וועט זיין. און נאָך איידער איך בין געקומען אהער האָב איך געלאָזט וויסן סקאָטלאַנד יאַרד, אַז דו ווילסט אַן אורלויב אויף דריי חדשים. נעכטן האָט מען עס דיר באַוויליקט. וועסט קריגן באצאָלט אויך. איך מוז דיר זאָגן, אז דו האָסט זיך געמאכט אומשטערבלעך מיטן אופן ווי דו האָסט געפירט זיך. דאַרפסט מיר ניט זאָגן, איך ווייס, עס איז דיר ניט זייער לייכט אָנגעקומען דורכצופירן דיין פליכט.

סעמקע דער דעטעקטיוו

די פליכט פון סקאָטלאַנד יאַרד איז העכער
פון יעדער פריינדשאַפט צו א פרוי!

ש ט י מ ע ן

הוראַ! הוראַ! אונזער שטאָלץ!

אלע קושן זיך. דער באַלעט מיט דעם אָרקעסטער,
דער מענער כאָר מיטן פרויען כאָר.

מלכה פיק ווערט בלאַסער און בלאַסער.

מ ל ך ה א ר ץ

און וואָס מיינט דאָס פאָנאָגראַפל?

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

אָט זעט אליין.

זי שטרעקט אויס איר האַנט און גיט א קוועטש
דאָס פאָנאָגראַפל און עס דרייט זיך:

„אָ, ניין, אָ, ניין,
ער איז דיין ברודער!
אָ, ניין, אָ, ניין,
זי איז דיין שוועסטער!"

ד י ר ע ק ט אָ ר

דער ניט געקושטער באַלערינעס קול!

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

געוויס איר שטימע. ווי האָט איר עס ניט דערקענט, פרינצעסין? מיט יאָרן צוריק, ווען די ניטגעקושטע באַלערינע האָט נאָך ניט געהאַט באשלאָסן צי זי זאָל ווערן א טענצערין אָדער זינגערין, האָט זי געזונגען אַ ליד פאַרן פאָנאָגראַף. די פאָר ווערטער זיינען טאקע פון דעם ליד ארויסגענומען געוואָרן. דאָס איז געווען דער ערשטער חשד וואָס איך האָב געקראָגן.

ד י ר ע ק ט אָ ר

און ווער האָט דאָס אַלץ געטאָן?

פ ר י נ צ ע ס י ן

ווער האָט דאָס געוואָלט אונז שלעכטס טאָן?

פ ר י נ ץ

ווער איז דאָס אונז אַ שונא?

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

ווער? א מענטשלעכער מח האָט עס פּאָרטראַכט, און מענטשלעכע פינגער האָבן עס דורכגעפירט. אָבער שולדיק אין דעם אלעם איז ניט פלייש און בלוט, נאָר די בענקשאפט נאָך לידער. אויב איר ווילט, איז עס די שולד פון אונזער פּאָרפאַסער. ער האָט אָנגעשטעקט א האַרץ מיט א בענקשאפט נאָך לידער און אָנגעהאלטן די בענקשאַפט מיט שרייבן נייע און נייע לידער, נאָר ווען דאָס הארץ איז שוין געווען פארסמט אין גאַנצן, האָט ער מיטאמאָל אויפגעהערט צו שרייבן. עס פעלט אים, האָט ער געזאָגט, שטימונג. א האַרץ איז אויסגעגאנגען פון בענקשאפט — — —

אין דער מינוט דערהערט זיך א קנאַל פון א רעוואָלווער. דער פּאַרפאַסער האָט זיך דערשאָסן אין א ווינקל פון דער בינע. א שפאַניש ווענטל ווערט גיך אָוועקגעשטעלט אַרום דעם טויטן קערפּער.

ד י ר ע ק ט אָ ר

אזוינס טאָר ניט דערלאָזן ווערן! א מענטש האָט די חוצפה צו דערשיסן זיך א פּאָר מינוט פאר דעם סוף פון דער פּיעסע, ווען ער דאַרף ארויסקומען און זאָגן א פּאָר ווערטער צום פּובליקום! ער איז איינער פון אונזערע וויכטיקסטע שוישפילער. מאָרגן וועט זיך א צווייטער דערשיסן אין צווייטן אקט, איבערמאָרגן א דריטער אין ערשטן אקט. אַזוינס טאָר ניט דערלאָזן ווערן. אונזער טרופּע איז זייער א קליינע!

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

גיי און זאָג דאָרט דעם פּאַרפאַסער, אז מיר וועלן אזוינע פּירונגען ניט דערלאָזן!

אָבער מלך הארץ האָט ניט געדאַרפט גיין עס אָנזאָגן דעם פּאַרפאַסער. הפנים, אז דער פּאַרפאַסער האָט געהערט דעם געשפּרעך און אליין פאַרשטאַנען, אַז ער איז אומגערעכט. ער איז אליין ארויסגעקומען פון הינטערן ווענטל און צוגעגאַנגען צו די איבעריקע.

מ ל ך ה א ר ץ

שרה בת טובים, דו ביסט היינט וואונדערלעך, ביסט שוין לאַנג אזוי ניט געווען.

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

טאַקע? וואַרט שוין צו אַ ווייל.

זי הויבט זיך אויף פון איר שטול און שמייכלענדיק גייט זי הינטערן שפּאַנישן ווענטל. אַלע אויגן באַגלייטן זי. אַ ווייל איז שטיל, אָבער באַלד פליט פון הינטערן ווענטל ארויס אירס אַ שוך, אַ צווייטער, אירס אַ זאָק. אַט פליט איר קלייד, איר קאָרסעט. אַלע מיילער עפענען זיך, ווען עס פליט ארויס איר העמדל.

מ ל ך ה א ר ץ

גרוי ווי הייוון

וואָס איז דאָס מיט איר? וויל זיך אפשר באַווייזן אַ נאַקעטע פאַרן פובליקום?

ד י ר ע ק ט אָ ר

עס וואָלט זייער גוט געווען ווען זי זאָל עס טאָן. דאָס וואָלט פאַרזיכערט אונז אַ מאָראַלישן דערפאָלג!

אָבער שרה בת טובים האָט זיך אין גאַנצן ניט באַוויזן. אין אַ רגע ארום פאַלט אום דאָס שפּאַנישע ווענטל און עס שטייט פאַר אַלעמען אַ דזשענטלמאַן אין די שפּעטע דרייסיקער. נעט געקליידט. אַ מאָנאָקל אין אויג. מיט אַ שמייכל פאַרנויגט ער זיך פריער פאַר זיינע קאָלעגן אויף דער בינע און דערנאָך פאַרן פובליקום. עס ברעכט אויס אַ שטורעם פון ענטוזיאַזם.

ד י ר ע ק ט אָ ר

סער דזשיימס!!!

פ ר י נ ץ

סער דזשיימס, דער שעף פון סקאָטלאַנד יאַרד!!!

ס ע ר ד ז ש י י מ ס

שמייכלט און ווישט זיך דעם מאָנאָקאַל. נויגט זיך, נויגט זיך און שמייכלט.

צו וואָס סער, רופט מיך פשוט דזשימי.

ד י ר ע ק ט אָ ר

ווי קומט איר אַהער ?

ד ז ש י מ י

יאָ, עס איז געווען שרה בת טובימס פּלאַן. ווי נאָר זי האָט דערהאַלטן מלך הארצס בריוו, איז זי געקומען זיך דורכריידן מיט מיר. זי האָט פאַרדעכטיקט א פאַרשווערונג. איך האָב אויך מורא געקראָגן, אז עס קען זיין עפּעס ערנסטעס, ווען איינהערנדיק זיך דורך דעם טעלעפאָן צו די קולות האָב איך דערקענט דער נישט געקושטער באַלערינעס שטימע. איך האָב אָנגענומען פּערזענלעך אָנצופירן די אויספאָרשונג. געלויבט איז גאָט, וואָס דאָ איז קיין פאַרשווערונג ניט געווען.

פּ ר י נ צ ע ס י ן

וואָס דען איז דאָ געווען ?

ד ז ש י מ י

דאָס ליגט אייך איצט אין זינען ? פאַר וואָס צעקושט איר זיך ניט מיט דעם פּרינץ ?

פּ ר י נ צ ע ס י ן

דזשימי, איר ווייסט דאָך פון מיין לאַגע.

ד ז ש י מ י

לאַגע ? נאָ, איך ווייס שוין ! איר מיינט —

פּ ר י נ צ ע ס י ן

יאָ, דאָס וואָס איך שווענגער.

ד ז ש י מ י

שלאָגט זיך דאָס אַרויס פון זינען ! איר שווענגערט ניט !

פּ ר י נ צ ע ס י ן

אָבער, דזשימי, איר ווייסט דאָך, —

ד ז ש י מ י

נאַרישקייטן ! דאָס האָב איך אייך באַשטראָפט פאַר די אלע מעשיות, וואָס איר האָט דערציילט וועגן דעם יונגענמאַן.

פ ר י נ צ ע ס י ן

שרה בת טובימס ברודער? און איר ווייסט אלץ?

ד ז ש י מ י

צי איך ווייס? מיר טוען נאָך איצט ווי די ליפּן פון קושן אייך, און דער שפּיץ פון מיין צונג איז נאָך אַלץ ניט פאַרהיילט פון דעם ביס, וואָס איר האָט מיר געגעבן.

פ ר י נ צ ע ס י ן

און איך בין געווען זיכער, אַז דאָס איז שרה בת טובימס ברודער.

צוקושט זיך מיט דעם פּרינץ. זיי בלייבן שטיין ארומגענומען.

ד י ר ע ק ט אָ ר

אָבער ווי האָט איר עס געטאָן?

ד ז ש י מ י

טויזנטער וועגן פאַראַן. איך האָב זיך באַנוצט מיט אריינמישן אין דער פּרינצעסינס שפּייז אביסל מעל דורכגעקנאָטן מיט א טראָפּן בלוט. אַן אַלטער מיטל, באַנוצט הויפּטזעכטליך פון אידישע פרויען אין דער צייט פון גירוש שפּאַניען.

ד י ר ע ק ט אָ ר

זעט ווער ס׳איז דאָ? סקאָצל קומט!

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

בלייבט א רגע שטיין אין דער אָפענער טיר און באַלד נעמט זי זיך באַגריסן מיט יעדן איינעם און צוקושט זיך מיט מלך הארץ.

און זאָל זיין מיט מזל! עס איז אַזאַ פאַרגעניגן צו זיין מיט אייך צוזאַמען! איך האָף אַז איך בין ניט צו שפּעט און דו, דזשימי, האָסט נאָך ניט דערציילט די גאַנצע געשיכטע.

גיט דזשימין א קליין פּעקל, וואָס ער לייגט אריין צו זיך אין בוזים קעשענע.

ד ז ש י מ י

פונקט אין צייט. און אויב מלכה פיק וועט זיך זעצן מיר אויף די קני וועל איך באַלד אָנהויבן.

מ ל כ ה פ י ק

און ארומנעמען זיין האַלז מיט איר האַנט.

אַלע פרייען זיך ווען מלכה פיק זעצט זיך אויף דזשימים קני און נעמט ארום זיין האַלז.

ד ז ש י מ י

אין אָנהויב איז עס ניט געגאַנגען אַזוי גלאַט. די שיינהייט, וואָס זיצט איצט אויף מיין קני האָט געהאַלטן אין אייןריידן וועגן פּאָעזיע און וועגן דעם, אז זי איז אומגליקלעך וואָס עס ווייזן זיך ניט קיין נייע פּאָעטן און וואָס די אַלטע שרייבן ניט מער קיין גוטע לידער. זי איז געווען זייער אומגליקלעך. און מיטאַמאָל—ניט צו דערקענען זי. זי טאַנצט, שפּרינגט און דערקלערט, אז אָט די אַלע צרות מיט די קולות ענדיקן זיך דעם 15טן. די ענדערונג אין איר קומט פּאָר נאָך א געשפּרעך, וואָס זי האָט געהאַט אויפן טעלעפאָן.

מ ל כ ה פ י ק

אמת, אמת.

ד ז ש י מ י

און ווען סעמקע געפינט אין איר צימער א זשורנאל, אז דעם 15טן דערשיינט א בוך לידער וואָס דאַרף זיין א סענסאציע, וואָס דאַרף מאַכן אַ פוראָר, פאַלט א חשד אויף איר, און דער חשד ווערט שטארקער, ווען מיר געפינען אויס, אז דאָס האָט זי טעלעפאָנירט אין א ביוראָ און געבעטן, אז מען זאָל איר טעלעפאָנירן דעם 15טן איבערפרי די מיינונגען פון די מאָרגן צייטונגען, און אין אָוונט — וואָס עס זאָגן די אָוונט צייטונגען וועגן דעם בוך.

מ ל כ ה פ י ק

אמת ווי גאָלד.

ד ז ש י מ י

סעמקע און איך זוכן שטארקער און באַלד געפינען מיר דאָס פאָנאָגראַפל באַפעסטיקט מיט אַן עלעקטריש קנעפּל אונטערן טיש. א דריק דאָס קנעפּל, און דאָס פאָנאָגראַפל הויבט אָן שפּילן.

מ ל כ ה פ י ק

געמיינט, אַז דער פּאַרפּאָסער, זעענדיק אַט די אַלע לײַדן, וועט קריגן שטימונג, וועט ארײנפאַלן אין באַגײַסטערונג און אָנהויבן שרײַבן. אָבער עס האָט אַלץ ניט געהאָלפן. געוואָרן פאַרצווייפלט און דערפרייט זיך ווען געזען, אַז מען ריכט זיך אויף א ניי בוך, וואָס דאַרף מאַכן אַן איבערקערעניש.

ד ז ש י מ י

דאָס בוך איז אַ קאָלאָסאַלער דערפאָלג. עס ווערט פאַרגליכן צו דער ביבל. אָבער די ביורא לאָזט דעם 15טן אין דער פּרי ווייסן מלכה פּיק, לויט אונזער פאַראָרדנונג, אַז עס איז די גרעסטע ענטוישונג. דאָס זעלבע קומט פאַר אין אָוונט. מלכה פּיק איז היסטעריש, חלשט, ברעכט דעם טעלעפאָן.

מ ל כ ה פ י ק

אָבער צו וואָס האָסטו עס געדאַרפט אָפּלייגן אויף היינט, ווען דו האָסט נאָך אייערנעכטן געוואוסט דעם אמת.

ד ז ש י מ י

ווייל היינט האָט געזאָלט קומען שרה בת טובים, ווייל היינט קומט די ניט געקושטע באַלערינע מיט ניינטל הארץ, ווייל היינט איז אַ יום־טוב.

פ ר י נ צ ע ס י ן

די מאַמע און די שוועסטער קומען ?

ש ר ה ב ת ט ו ב י ם

און אין א פּאָר מינוט ארום וועלן זיי שוין זיין דאָ.

ד ז ש י מ י

צו מלכה פּיק

און אויך דערפאַר, וואָס פריער ווי היינט האָט מען ניט געקענט האָבן דאָ דאָס בוך. שרה בת טובים האָט עס טאַקע איצט געבראַכט און אויך אַלע קריטיקן, לויטער לויבגעזאַנגען.

ער גיט איר דאָס פּעקל. מלכה פּיק וואַרפט זיך אויף זיין האַלז. רוימט אים עפּעס איין, ער שאָקלט דעם קאָפּ אויף יאָ.

מ ל כ ה   פ י ק

סעמקע, איך און דזשימי ווילן דיך אַדאָפּטירן.

פ ר י נ צ ע ס י ן

מיין מאַמע און מיין שוועסטער אָנגעקומען!

צוקושן זיך, נעמען זיך אַרום, באַטראַכטן זיך

ד י ר ע ק ט אָ ר

אָ, ניט געקושטע באַלערינע!

ב אַ ל ע ר י נ ע

קום, לאָמיר זיך צוקושן, פריינט!

נ י י נ ט ל   ה אַ ר ץ

דאָ איז אַן אמתער גן עדן!
איך זע בלויז פּאָרלעך! און וואָס וועט
דאָ זיין מיט מיר? דו ווייסט דאָך, שוועסטער,
כ׳בין אויך א מיידל אין די יאָרן, —
כ׳בין נעכטן אַכצן יאָר געוואָרן.

פ ר י נ צ ע ס י ן

מיר האָבן דאָ א ברען א בחור, —
וואו ביסטו סעמקע?

ס ע מ ק ע

אָטאָ בין איך!

פ ר י נ צ ע ס י ן

דאָס איז מיין שוועסטער. זי געפעלט דיר?

ס ע מ ק ע

אָ, האָ!

פ ר י נ צ ע ס י ן

אַזוי? וואָס וואַרטסטו? נעם זי!

פלוצים א שרעקלעכער אויסגשריי

א שטימע

פאַרוואָס ווערט זויער מילך? אקטיאָרן,
אויב איר דערקלערט עס מיר ניט גלייך,
וועל איך אייך מאכן א סקאַנדאַל דאָ,
און רופן וועל איך פּאָליציי!

פּאַרפאָסער

אודאי וועלן מיר דערקלערן,
און איר דערוויסן וועט זיך אויך
אין פערטן אַקט, פאַרוואָס עס קנייטשן
די זאַקן זיך אויף פרויען פיס!

א שטימע

וועט זיין א פערטער אַקט?

פּאַרפאָסער

גענויס!
דאָרט וואו ס'איז דאָ אַן אַקט אַ דריטער
איז שטענדיק אויך אַ פערטער דאָ.
געוויס וועט זיין! און ווער קען וויסן
צי ס'וועט ניט זיין אַן עפּילאָג!
איר ווייסט דאָך אַלע, אויף דער בינע
אין אַלעס שטרענג און אויסגעהאַלטן,
אין לעבן, אָבער, שפּילט דער צופאַל
אַמאָל א גרויסע ראָלע אויך.
וואָס דאַרפט איר מער, איר זייט דאָך עדות
פון דעם, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען
פאַר איי'רע אויגן אויף די ברעטער.
איר ווייסט, ווען ס'וואָלט געווען די ארבעט
פון אַ פאַנטאַסטישן פּאַרפאָסער,
וואָלט איר פאַרוואָרפן אונז מיט שטיינער,
און ס'וואָלט די פרעסע פאַרגעוואָרפן,
אַז דאָס איז פּשוט ריינע שונד.
וואָס וועט די פרעסע איצטער זאָגן,
איצט, ווען די וועלט די גאַנצע ווייסט,
אַז ס'איז גענומען פון דעם לעבן,

און אַז די כאַראַקטערן זיינען
באַקאַנטע און פאָרנעהמע לייט?
די פרעסע וועט דערקלערן אָפן,
אַז סוף כל סוף איז פאָרט דאָס לעבן
פאַנטאַסטישער ווי אַ פאַנטאַזיע!
און דער וואָס וועט די ווערטער שרייבן,
וועט פילן, אַז ער האָט זיין ברויט
פאַרדינט גאָר כשר, און צופרידן
וועט ער זיך נעמען פאַר זיין מאָלצייט.
און איך, און איר, און אַלע מיר,
וואָס וועלן אָט די ווערטער ליי׳נען,
דערפילן וועלן באַלד, דער שרייבער
איז אין דער זאַך אריינגעדרונגען,
און האָט ארויסגעבראַכט דעם אמת
וואָס אין דער פּיעסע ליגט באַהאַלטן.
יאָ, יאָ, דאָס איז אַ טייל פון לעבן,
ווי דאָס, וואָס איר, גאַלאַנטע הערן,
דריקט איצט די קני פון איי׳רע דאַמען.
און ס׳וועט אויך קלאָר פאַרוואָס מיין רעדע
מיין לאַנגע רעדע האָט געמאַכט
אויף אייך אַזאַ מין טיפן איינדרוק,
און איצטער, יאָ, א גוטע נאַכט!



דער פּאַרפֿאַסער בויגט זיך, בויגט זיך און בויגט זיך פֿאַר
זיין באַליבט פּובליקום.